גאלדפאדענס טהעאַטער מאגאזין.

# קבצנזאָן
# עט הונגערמאַן

מעלאָדראַממאַ אין 4 אַקטען אונ אין 5 בילדער

פערפאסט פאָן

## אברהם גאלדפאדען

(דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען און דיא דעקאָראַציאָנען צוא דער פיעסע ווננען צוזאמענגעשטעלט פון דעם פערפאססער).

---

פערלאג י. לידסקי בוכהענדלער, ווארשא נאלעווקי 32.

ווארשא. תרס"ה.

דרוק ש. ב. לאנדא, נאלעווקי 38.

ТЕАТРЪ 6 FEB 1917 00089 Н.С.

Книгоиздательство „ИЗРАИЛИТЪ" Вильна, Рудницкая, 10

---

Еврейскій театръ Гольдфадена.

# КАПЦЕНСОНЪ и УНГЕРМАНЪ

Сочиненіе

**Авраама Гольдфадена.**

ВАРШАВА 1905.

Типографія Ш. Б. ЛАНДЕ, Налевки № 38.

Дозволено цензурою
Варшава, 10 февраля 1906 г.

# פערזאהנען

---

ר׳ יצחק — אַיין אַלטער מאַן פון א יאהר 60

חנה — זיין טאכטער איין אַלטע מויד פון אַ יאהר [illegible]

שלמה — חנה׳ס א געשוועסטער קינד אַ יונגער מאַן פון א יאהר [illegible]
מיט אַ קיילעכדיג שוואַרץ בערדיל — סאָליד געקליידעט

קבצנזאהן } צוויא וויליקעס קאַרטענשפּילערס אפּגעריסענע
הונגערמאַן } אין דריטען אַקט קבצנזאהן שעהן געקליידעט

איין אלטער בייכער מאַן אויף דעם בולעוואַר

מאריצא } צוויא עעשער מיידלעך
מארגאשע }

דער גרעבער — ידע — בטלנים — [illegible] —

# ערשטער אקט

(שטעלט פאר ר׳ יצחק׳ס צימער — איינפאך מעבלירט)

**יצחק** אי–אי–אי איך ווייס ניט בנאמנות, וויא האלטין עס אויס דיא טאטעס וואס האבין עטליכע ערוואקסענע טעכטער? אט האב איך גאר איין טאכטער – אבת יהודה ביז הונדערט און צוואנציג יאהר, בין איך שוין גראה און אלט געווארין דורך איהר, וואלט זיא ניט געוועזין קיין איינציגע ביי מיר, אדער וואלט איהר מוטער ניט געוועהן אפ געשטארבין אזוי פריה! וואלט איך איהר אזוי ניט נאך געגעבין! גיב איר ניט נאך. וויינט זיא און שעלט זיך. און איך קען דאס ניט צו זעהן – איך בין דאך א צערטליכער פאטער. גיב איהר יא נאך איז נאך ערגער פארפיהרט זיא אזעלכע מעשים וואס איך פארשטעה זיא גאר ניט = אט האט זיא זיך שוין אלאנגע צייט אריינגענומען אין קאפ, אז אנדערש קען זיא קיין כלה ניט ווערין נאר אויף א זא־נארט וויא אין דיא ביכער שרייבט. נאר עפים אליעבע מוז זיא פריהער שפיעלען... איך ווייס וואס זאגט איהר פאר א שפיעל? מיין טאטע, מיין באבע מיינע אבות אבותינו האבין פון דער שפיעל ניט געוואוסט –. איך קלעג איהר אבער ניט איין מאהל זאגין: הנהלע! ווער ווייסט צו וואס דיא ביכלעך וועלין דיך ברענגען!.. האט זיא זיך אבער איין מאהל אריינגענומען אין קאפ, און איך קען עס איהר פון דעם קאפ ניט ארויס שלאגען, סאי מיט גוטין סאי מיט בייזען –, דיא פיינסטע יונגע לייט האט מען איר איבער גערעט. און זיא האלט זיך איינס: ניין און ניין! וואס דען ווילסטו? האט זיא עפים משוגענע תנאים, ערשטינס וויל זיא אז דער חתן איהרע זאל קענען רעדין דייטש, אבער גוט דייטש. צווייטינס מוז דער חתן הייסען פראנץ –. דריטענס מוז ער קענען מיט איהר שפיעלען אליבע. און פירטינס

מען ער האבּען שיינע שוואַרצע וואָנצעלעך .. אונ נאָך עפּעס אַזעלכע משוגהנע תנאים! .. היינט גיעה זיך איהר אפּ אַזא נפש מיט דיא אַלע גילדערנע מעלות ? – איך ווייס ניט וויא זיא אַליין איז שוין ניט מיד זיבּענדיג? ווען איך האבּ גיוואָלט מיט איהר אַשידוך טוהן איז זיא אַלט געוועזען אַכטצעהן ניינצעהן יאָר. פון דאַמאָלס ווענען שוין צעהן יאָר אַוועק אונ זיא האַלט זיך אין איין עקשנות. זיא האט שוין איהר שיינקייט אַנגעוואָרן. זיא איז שוין אַלט גיוואָרן. זיא האט מיך שוין גראה אין אַלט גימאַכט אונ נאָך ווייסט וואס דער סוף וועט זיין אוי – אוי – אוי –.

שלמה וואס מאַכסטו גיטס יצחק! –

יצחק קוק אָן שלמה? פון וואַנען ביסטו עס אויבגיוואַקסען? אַדראַבּא אַ אַטייערער גאַסט! (זייא צו קישן זיך)

שלמה פון וואַנען? וועל איך דיר שוין שפּעטער דערצעהלען דוא זאָג מיר וואס הערט זיך ביי דיר. וואס מאַכט דיין פאַמיליע וואס מאַכט דיין ווייב פעסעלע. וואס מאַכט הנהלע איז זיא נאָך אַזוי שיעהן וויא זיא איז גיוועזען? זיא געהער שוין אוודאי זיין אַמאַמע פון קינדערלעך?..

יצחק פרעג ניט עס איז מיר ביטער. – מיילא פון מיין פעסעלען איז שוין לאַנג ניטאָ צו ריידען עליה השלום. איך האבּ בעסער צרות פון דער לעבּעדיגער לעבּען זאָל זיא!

שלמה וואס איז? וואס איז פאר אַנייעס?

יצחק שטעל דיר פאר איין חנהלה איז ...

שלמה איז וואס?

יצחק איז וואס? וואס האַפּסטו? שרעק דיך ניט! – מיין חנהלע זיצט נאָך אַמיידעל אונ האט נאָך ניט התונה געהאַט! – אַדראַבּא טעטער פריינד וואס גיט מען זיך פאר אַעצה?

שלמה איך וועל דיר זאָגען אָבער האט זיא רעכט – נייטען דאַרפסטו זיא ניט. אפשר געפעלט איהר ניט קיינער מוזטו וואַרטען – גלייב מיר איהר באַשערטער וועט קומען אין שטוב אַריין –

יצחק דיא באַשערטע האָבּען שוין אויך אויפגיהערט צו קומען פאַרגעס ניט אַז זיא איז שוין קרוב ביי דיא שלשים... וועסט זיא גאָר ניט דערקענען.

וִויא אִיז שׁוֹין אִיהְר שֵׁיינְקֵייט זִיא הָאט מִיךְ שׁוֹין גְרָאה אוּנ אַלְט גִימַאכְט – אוּנ התונה הָאבְּן אַלְץ נִיט! –

שלמה דָאס זָאל דִיר זַיין דִיא לֶעצְטֶע דַאגָה, פַארְקֶערְט מִיךְ פְרֵייט עָס וָואס זִיא הָאט נָאךְ נִיט חתונה גִיהַאט – דִיא גֶעדֶענְקְסְט אַז מִיר זֶענֶען אִין שְׁכֵינוּת גֶעזֶעסֶען? הָאסְטוּ אוּנ אפשר זִיא אַלֵיין נִיט אַזוֹי פִיל גֶעוְויסְט, וִויא אִיךְ הָאבּ זִיא לִיעבּ גִיהַאט, נָאר עָס הָאט זִיךְ אַלְץ נִיט גֶעמַאכְט, אִיךְ זָאל פַאר אִיהְר חתונה הַאבִּין. מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען הָאבִּין מִיךְ אַוֶועק גִירוּפִין נָאךְ אוֹיסְלַאנְד אוּנ הָאבּ דָארְטֶען התונה גִיהַאט, דִיא פְרוֹיא אִיז מִיר אָפְגֶעשְׁטָארְבְּנִי, קֵיין קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ נִיט, פַארְמֶעגְלִיךְ בִּין אִיךְ, מַיין כַאַרַאקְטֶער קֶענְסְטוּ אוֹיךְ – נָא? –

יצחק וָואס נָא?

שלמה נָא! מֶען דַארְף דִיר אפשר אַרֵיין לֵייגִין אַפִינְגֶער אִין מוֹיל? פַארְשְׁטֵייסְט נִיט וָואס אִיךְ מֵיין?

יצחק וָואס מֵיינְסְטוּ?

שלמה פֶעלְט אַיךְ וִויא עֶר מַאכְט זִיךְ הַמִיוּאשִׁי? אִיךְ וַוייס אבער וִוילְסְטוּ נִיט הָאבּ אִיךְ נִיט וָואס צוּ בֵּיידִין!...

יצחק אִיךְ וִויל נִיט? כִיהֵייסְט אִיךְ דַארְף נָאךְ הָאבֶּען אַבָּעסֶער גְלִיק? אוֹיף מִיר קֶענְסְטוּ קְלֶערִין אַז אִיךְ זָאל נִיט וֶועלִין.

שלמה וָואס דֶען מֵיינְסְטוּ זִיא וֶועט נִיט וֶועלִין? ע דָאס זָאל דִיר זַיין דִיא לֶעצְטֶע דאגה, אִיךְ וֶועל שׁוֹין וִויסֶען וִויא זִיא צוּ נֶעמֶען!

יצחק דָאס שְׁלָאג דִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ. מַאךְ זִיךְ נִיט פַאר אַנָא בְּרִיָה, עֶנֶע פָארֶערְט אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס...

שלמה לָאמִיךְ הֶערִין נָא וָואס וָואס?

יצחק עֶרְשְׁטֶענְס וִויל זִיא דֶער פוּן זָאל קֶענֶען רֵיידְן דַייטְשׁ! אָבֶּער גוּט דַייטְשׁ!

שלמה נָא דָאס אִיז אַקְלֵיינִיקֵייט – וַוייטֶער!

יצחק צְווֵייטֶענְס מוּז זִיא פְרִיעֶר מִיט אִיהְם אַלִיבֶּע שְׁפִּיעלֶען

שלמה הֶערְסְטוּ דָאס אִיז דָאךְ אוודאי גוּט! –

יצחק קוּק אָן! קוּק אָן! וִויא הָאסְטוּ זִיךְ אוֹיס גֶעלֶערְנְט דִיא מלאכה? – דְרִיטֶענְס וִויל זִיא אַז אִיהְר חתן זָאל נָאר הֵייסִין פראנץ! –

שלמה הַא?

**יצחק** הא ?! אונ פּירִטינְס מוז ער האָבּן שְׁעהְנֶע שְׁוואַרְצֶע וואָנְצִילֶעךְ אונ דוא האָסְט גאָר אַזאַ באָרד ! ....

**שלמה** וואס רעדסטו ? איך פערשטעהע דיך ניט ?

**יצחק** הערסטו דאָס איז דאָך דיא מכה וואָס איך פערשטעהע דאָס אויך ניט. — איך פערשטעהע נאָר אַזוי פיל אַז דאָס איז אַקול פון דיא ווייבטע בּיבֶלֶעךְ אונ דורך זייא איז אַזוי אומגליקליך.

**שלמה** דיל קיין קאָפּ ניט! — דאָס וועסטו מיר ניט איינרעדן בּיכער פיינען אויס דעם מענְטשֶׁען ; דאָס וואהר געבּילדעטע פריילין וועט פון אַזעלכע פּיכֶטֶע זאַכען ניט ריידן — דאַ פערשטעה איך מוז עפּעס אַנדערש זיין דוא האָסט זיא וואהרשיינליך שלעכט ערצויגין , זיא האָט גאָר גיקערט עפּעס נאָשׁין פון דיא בּיכער אונ עס ראַכט זיך איהר אַז זיא איז געבּילדעט. נאָר דאָס איז אַקליינגקייט איך וועל שון וויסען וויא זיך מיט איהר צו פיהרען. דוא ווייז זיא מיר נאָר! =

**יצחק** הַלְוַאי! — אַז דו נעמסט זיך אונטער לאָז דיר גאָט העלפען. איך טראַכט אַז ס'וועט צו געהן שווערלעך. נאָר איין זאַך נעם איך מיט דיר אויס: דוא ווייסט דאָך אַז זיא איז בּייא מיר איין אויג אין קאָפּ, זאָלסט זיא ניט חלילה דערגעגענען, וואָס אַרט דיך!. גיב איהר נאָך וואָס זיא וויל. אַנדערש וועסטו מיט איהר ניט אויסקומען. ווייל איין עקשן איז זיא קיין קלייניגקייט, נאָר וואַרט דוא האָסט נאָך צייט ביכט דאָך ערשט פון וועג, קום רוה דיך אויס. לאָמיר עפּעס צו בּייסען. איך ווייס אפשר האָט דיך דער אייבערשטער צו גישיקט וויא אמלאך, איך וואָלט אוודאי צו פרידן גיוועהן (בּיידע אַב

(הנהלע קומט אן ליינעדיג אונ פערטיעפט אין אביכעל וואס זיא האלט אין דיא הענד) .

**הנהלע** לאַנגע, לאַנגע שפּאַנדין זיא אין טיעף שווייגען פערזונקען. איינער אַנאונטער בּראָבּענע מאַזעשטילע הערשטע אים צימער. מיט פייערינע בּליקען שויטטע זיא פראַנץ אַן, אונד זיין הערץ קאָכטע פּיעבעריש ..

(זיא רעט צו זיך) גרויסאַרטיג! ס'הייבּט זאָס הערץ האָט איהם גיקלאַפּט.

(זיא ליינט ווייטער) ענדליך וואָנדעט ער זיך צו קאראלינא דיא הענדע פאַלטענד אונד שפּראַך, אה דוא מיין ענגעל מיט וועלכעם צוּבער האָסטו מיך

אמשטריקט! — דיינע אויגן שיינען מיר וויא דער קארגין זא העל! — דיינע נאזע אה דיינע נאזע, אזו דיא נאזע אלער נאז!.

(זיא רעדט צו זיך) גרויסארטיג! וויא דערלעבט איך שוין מען זאל מיר דאס זאגען ווייטער.

(זיא ליינט ווייטער) דיין געטליכעס בילד זעהע איך אום טרוימע! — נור איין ווארט מיינע טייערע, אונ דוא בעגליקסט מיין דא זיין. ביי דיזען ווארטען מארף זיך פראנץ צו איהרען פיסען, אונ ווייגטע. נור דיעזעס ווארט איך ליעבע דיך זאגסט שטערב איך.

(זיא רעדט צו זיך) ס'איז נאר אפערגיניגען וויא מען איז אזוי פערליבט אי בגנעדיגע איך דיך קאראלינא! ווייטער!

(זיא ליינט ווייטער) טיעף בעוועגט פון דען זיפצען איהרעס פיעל געליבטען פראנץ רייכטע איהם קאראלינא איהר אלאבאסטער — ווייסעס הענדכע אונ זאנג:

איך וויים ניכט וואס מיר פעהלט
איך שטארב פאר אונגידולד
וואס מיך אמהערצין קוועלעט
דראן איז דיא ליעבע שולד
א יא — א יא — דיא ליעבע
זיא האט מיך אמגעבראכט
זיא האט מיך ארימעס מעדכין
אום קראנקען בעט גיבראכט
דיא ראזען ניעדערבליהען
דיא בלעטער פאללען אב
נואנן דא מיך ניכט ערוואַרטעט
ערוואַרטעט מיך דאס גראב..
א יא א יא . .

(זיא רעדט צו זיך) שעהן, שעהן! — וואס דען? ס'איז דען ניט אמת? ווייטער!

(זיא ליינט ווייטער) קוים האטע קאראלינע דאס ליעד גיענדיגט דא פיעל זיא פראנצען

אים דען האלדז דא אמארעמטען זיך צערטליך . אונד קוים וואלטע פראנץ איינען קוס אויף איהרע וואנגען דריקען אלס אה ווער וועלכע איבעראשונג . דא עפענטע זיך פלעצליך דיא טיהער דעם צימערס אונ קאראלינעס פאטער טראט דאס היגען איין ערשראקען און באשעמט פארשטעקט זיך פראנץ אין דעם ווינקעל דעם צימערס קאראלינא מאהט דאס וועלבע אויף דער ענטגעגענגעזעצטען זייטע , ערביטערט איבער דעם ליבהאבער זיינער טאכטער . טראט דער אלטער מיט שטרענגען שריטען אויף איהם צו ! — וואס ? היער אין מיינעם הויזע וואגסט דוא זעלבעס צו באגעהן ? דוא נידערטרעכטיגער ! ווער האט דיר דאס ערלויבט ? פארט , אום אויגענבליק זאנסט הויע איך דיך ניעדער אויף ארט אונ שטעלע ! —

(ווידער צו זיך) שאדע ווירקליך , דאס איז אשלעכטער טאטע ! נאר בעשיינפערליך דארף אזוי צו זיין .

(ליינט ווייטער) מיט געבייזטעם פויסטע יאגטע איהם דער אלטער פארט . דאן ווענדעט ער זיך צו קאראלינא, אונ דוא אונ דוא מיינע טאכטער ! שעהמסט דוא דיך ניט ? צו וועלכעם צוועקע האבע איך דיך ערצויגן ? אום מיט זעלבעם וואגאבונדע ליעבעס פערסאלטניסע צו האבען ? קאראלינא וויינטע —

(צו זיך) נעביך .

(ליינט ווייטער) אין מיינעם הויזע וועלכען סקאנדאל צו טרייבען , אונ דאס גראע האר דיינעס פאטערס צו בעשעהמען ? ניין ביזט ניכט מעהר מיינע טאכטער = קאראלינא — פאטער ! — ניין קיין מיטלייד . פאטער ! פארט !

(ווידער צו זיך) זעהט איהר מיין טאטע וואלט ניט געזאגט מיר אזעלכעס צו זאגן , נאר עס וואלט מיך שוין ניט געארט ווען איך זאל שוין האלטן דער ביי א דער סוף און שעהן —

(ליינט ווייטער) איינע שעהנע זאמער נאכט ! דיא נאטור שליעף אין זאנפטען שלומער אונטער דער בלויען מיט בריליאנטען געשמיקטען דעקע .

(צו זיך) א דאס מיינט מען דעם הימעל !

(ליינט ווייטער) דער העלע מאנד . —

(צו זיך) הא — דאס מיינט מען דיא לבנה !

(לייזם ווייטער) פערשטעקטע זיין בלאסעס געזיכט אונטער דען שטארצען וואלקען שלאף לאז וועלבטצטע זיך קאראלינע אויף איהר ווייכעס לאגער. טיעפע זיפצער ענטשפרענגטען איהרער ברוסט – פלעצליך הילט זיא איינע זאנפטע, זיסע שטימע שיען איהר דרויסן אונטער איהרעם פענצטער צו פערנעהמען. קאראלינע! קאראלינע! דיין פראנץ ערווארטעט דיך היער! אה עפנע שנעל דאס פענסטער מיר, איך מוז פליהען שנעל מיט דיר קאראלינע! טיעף בעוועגט פון דען מעלאדיעשען טעהנען. ביטער סערענאדא ליעף ראש, קאראלינע צום פענסטער עפענטע עס שנעל אונ מיט דעם צארטכען הענדכען צום מונדע צייגטע זיא איהם איין צייכען דער ליבע. פראנץ ערשיען אם פענסטער אומוואנד איהרען קערפער מיט ביידען הענדכען אונ פערשוואנדען ביידע!

(צו זיך) גליקליכע קאראלינע. איך בענעדייע דיך נא? נא? פרעג איך איך? איך ניט אפערגיניגען אזוי צו הייראטען? וואס דען? וויא מיין פאטער קוועהלט מיך אונ מוטשעט מיך איך זאל גלאט אזוי חתונה האבין. ס׳הייסט אזוי טריקין, געזעהן, גערעד, פארגישטעלט אונ פארטיג! – שטעלט מיר אנידער אדראנג אונ געה האב חתונה פאר איהם – איך זאל מיך אונזשעניערען מיט איהם אויף דער גאס ארויס צו געהן פי בלאמבירען זיך פאר דער וועלט וויל איך ניט, איך וועל ניט! –

**יצחק** (קומט אריין) אוי אוי אינזשנורען, בלאמבירען, הלוואי וואלטען פרייער גיבלאמבירט גיווארין אט דיא אלע. וואס האבין גאר אויסגימראכט דיא וויכטע ביכלעך, זייא זאלין אומגליקליך מאכען קינדער. ווען זיא וואלט אפשר ניט גיוויסט פון דיא ביכלעך, וואלט זיא שוין לאנג גיוועזין לייטען גליך. אונ אפשר ווייסט זיא אליין ניט וואס אין דיא ביכלעך שטעהט – אבי עס איז באשערט מיר אין זיך צו פארימערין דאס לעבען.

**תנהלע** וואס? ווידער רייצטו מיך! איך וועל דיך פארט ניט פאלגין ניבער וועסטו מיך באגראבין נא נא (זיא שלאגט זיך מיט דיא הענד אין קאפ)

**יצחק** העד שוין אויף מאכטער איך מיין עס אין שפאס מען טאר מיט דיר גאר קיין קאטאוועס ניט טרייבין? נא נא הער זיך שוין אויף זיסע טאכטער

צו ערנערין דוא ווייסט דאך או דוא נעמסט מיר אדים מיינע כוחה מיט דיין וויינען! —

**חנהלע** ועקסטו שוין אבער מעהר ניט?

**יצחק** ניין, טאכטער מיינע, איך וועל שוין מעהר ניט, שוין שוין! —

**חנהלע** נא, וואסזשע ווילסטו? —

**יצחק** גאר ניט טאכטער מיינע!

**חנהלע** וואסזשע דען זיצטו דא:

**יצחק** טאכטער! זיסע טאכטער! איך וויל אמאהל ריידין מיט דיר איין ערנסטע זאך — טאכטער! איך בעט דיך, זאגסטו מיר צו או דוא וועסט מיר ענטפערן?

**חנהלע** אבי ניט קיין דומהייטין! —

**יצחק** זאג מיר טאכטער: האסט ליעב דיין טאטען?

**חנהלע** (מיט קאפריז) יוא! —

**יצחק** שטארק ליעב?

**חנהלע** שטארק! —

**יצחק** נא טהוזשע מיר צו ליעב איין זאך, נאר דאס מאהל טהו מיר צו ליעב איך גיב דיר מיין ווארט או מעהר וועל איך דיר ניט זאגען קיין בעה זאגסטו מיר צו?

**חנהלע** יוא נא וואס איז?

**יצחק** הער אוים טאכטער: דא איז ניט לאנג גיקומען צו פאהרען איינער פון מיינע אמאהלידיגע גוטע בעקאנטע פריינד. וואס איך בין מיט זיין פאטער נאך געוועהן בשותפות אין האנדעל, אויך דוא האסט איהם גיט געקענט דארפסטו איהם אויך קענען ער פלעג זיך מיט דיר קליינערהייט אנטערהאלטען אונ ער האט דיך נאך דענקמאהל ליעב גיהאט — אפיינער יונגער מאן, אונ ניט קיין נאר, ער וועט דא באלד זיין, בעט איך דיך טאכטער נעם איהם אויף וויא עס דארף צו זיין, רעד מיט איהם וויא אמענטש! אפשר וועט דער אייבערשטער העלפען ער וועט האבען בייא דיר חן אונ דאס וועט זיין דיין זיווג! —

**חנהלע** (קרימט זיך) זיווג! זיווג! פי דיא יודישע שפראך זיווג —

**יצחק** נא ניין, ניין טאכטער — העלעבין אפיינער מאן אונ איז רייך.

חנהלע ווידער רעדסטו מיר פון געלד ? –

יצחק נא ניין ער האט גיט קיין געלד ! זיסע טאכטער וועסטו מיר צו ליב טוהן !

חנהלע מיר וועלין זעהן .

יצחק (ארויסגייענדיג) אוי אוי אפיל הארץ מיט מכות (אב) .

חנהלע אך דיא יודען דיא ידען ! גאט זוטו – געלד – ניין פאטער ! איך ווינש
נאר ליעבע ראמאן – אה בעגעדייע איך דיך קאראלינא ! וויא גליקליך
ווא ביסט . זעלבסט דער נאמען וויא שעהן ער קלינגט קאראלינע =
וואס דען ? וויא מיין דומער פאטער האט מיך גענענט מיט דעם
יודישען נאמען ח־נ־ה־ל־ע פי שמאטציק , אבשיידליך : פאן נון אן הייס
איך קאראלינע אונד מיין ברייטיגאם מוז פראנגץ הייסען ! –

שלמה (קומט אריין) חנהלע ! – ווער איז מיר אט דאס איז דיא שעהנע חנהלע ?
וויא אמענטש בייט זיך איבער אין אזא קורצער צייט – וואס פון איהר
איז געווארין ? חנהלע ! אדאס איז דיא חנהלע ?

חנהלע פארדאן ! מיט פראספעקט צו מעלדען , איך הייס ניכט זאה איך הייס
קאראלינע .

שלמה זו אך אג ווער איז מיר . אפילו פארנארעשט איז זיא אויך געווארין
שמאטש וואס רעדסטו ?

חנהלע אונ וויא הייסין זיא ?

שלמה וויא איך הייס ? גידענקסט מיך גאר ניט , האסט גאר פערגעסין ! או מיר
האבין געוואוינט אין שכינות . נאך או דיא מאמע האט גילעבט אי אי
האסט זיך גאר אין גאנצען איבער גיבעטין. ווער אפילו דעם זינען האט
זיא אויך פערלוירען .

חנהלע איך ווייס , איך ווייס ! גלויבען זיא גיבט דאס איך איטער איין קינד בין !
איך פראגע זיא וויא הייסען זיא ?

שלמה האסט פארגעסין שלמה , שלמה וואס פלעגט דיר שטענדיג קאנפעקטין
ברענגין .

חנהלע הערין זיא ! שפיהע אויף דער זייטע , ווינטשען זיא מיין ברייטיגאם צו זיין
מוסען זיא איהר נאמען וועקסלען :

שלמה (אפארט) וויא נאך אגיפערליבער קרענק (צו איהר) נא נא לאז שוין אפ
(אפארט) דער פאטער האט דאך מיר גיבעטין איך זאל איהר אלסדינג

נאך געבען . —

חנהלע אלוויא פון נון אן הייסען זיא פראנץ —

שלמה פראנץ? נא לאז זיין פראנץ .

חנהלע יעצט לאמיר זעהן וויא דא שטעהט . (זיא ליינט) לאנגע לאנגע שטאנגען זיא אין טיעפעם שווייגין פערזונקען = איינע אנאנטערבראכענע מויזענשטילע הערשטע אים צימער — מיט פייערינעם בליקע שויטע זיא פראנץ אן אונ דיין הערץ פאבטע פיבעריש . (זיא טאפט אים ביים הערץ) ;

שלמה וואס טאפט זיא מיך ביים דפק ? —

חנהלע (ליינט ווייטער) ענדליך ווענדעט ער זיך צו קאראלינע דיא הענדע פאלטענד אונ שפראך אה דוא מיין ענגעל ! נא זאגט מיר נאך אז איהר קענט ניט אליין . (זיא ליינט איהם צונויף ביידע הענד) .

שלמה מודה אני לפניך איך וועל טוען וואס דער טאטע הייסט וואס דיא מאמע הייסט וואס אלע פרומע לייט הייסען מיר צו טוען אברכה הצלחה זאל קומען אויף מיין קעפעלע אמן סלה !

חנהלע איהר קאנט ניט ? — זאגטזשע מיר נאך אז איר קענט ניט אה דוא מיין ענגעל !

שלמה אה דוא מיין איינינקל !

חנהלע מיט וועלכען צויבער האסטו מיך אמשטריקט ; —

שלמה מיט וועלכען צייבער שלעפט מען דעם שטריק ,

חנהלע דיינע אויגען שיינען וויא דער מארגען זון העל !

שלמה גוט מארגען געללע ; —

חנהלע דיינע נאזע אה דינע נאזע אה דיא נאזע אלער נאזן ! —

שלמה אלדעם ביין !

חנהלע דיין געטליכעם בילד זעהע איך אום טרוימע ! —

שלמה אלדע בייזע חלומות אויף מיינע שונאים קעפ ! —

חנהלע נור איין ווארט מיינע טייערע , אונ דוא בעגליקסט מיין דא זיין .

שלמה איך בין נאר פון אייזן אז איך האלט עס אויס ; —

חנהלע ביא דיזען ווערטען ווארפט זיך פראנץ צו איהרען פיסען און [illegible]
(זיא טהוט איהם אשלעפ ער זאל פאלען אויף דיא קניס .

**שלמה** וואס וויל זיא מיט מיינע פיס!

**חנהלע** נור דאס איינע ווארט: איך ליעבע דיך!

**שלמה** ליעב, ליעב!

**חנהלע** זאנסט שטערבע איך!

**שלמה** אה דער אייבערשטער זאל היטען! –

**חנהלע** ניין זאגט, זאגט זאנסט שטערב איך –

**שלמה** נא נא גלייך וויא געשטארבען!

**חנהלע** ווייס איך געהט איהר טויגט ניט. איר קענט ניט עס איז נאך דא פיעל, מען דארף נאך זינגען, מען דארף זיך נאך צו קישען.

**שלמה** נא אדרבה!

**חנהלע** דער נאך דארף נאך דער טאטע אן קומען אונ ארויס טרייבען דער נאך דארף מען נאך ארויס גנבענען דורך דעם פענסטער! איהר קענט ניט.

**שלמה** אזוי? ! קענסט גאר ניט אנדערש פערדייען התונה צו האבען, גאר מען מוז דיך ארויס גנבענען דורך דעם פענסטער! אוי חנהלע חנהלע.

**חנהלע** נא! נא! קאראלינע!

**שלמה** אזוי? אנדערש קענסטו ניט פארטראגען. דיא ברכות זאל איך האבען וויא פיין דוא ביזט געווען אז דוא האסט געהייסען חנהלע, אונ זייט דוא האסט דיר אנגעטאן געגעבען קאראלינע האסטו טאקי אפנים וויא אקאטרינקע. העער נאר אויס חנהלע וואס טויגען דיר דיא פיסטע זאכען! איך שטעה אונ זעה דא צו וויא דוא מאכסט דיך משוגע – אה! איך האב עס גאר ניט ערווארטעט פון דיר. איך האב געמיינט אז וואס מען ווערט עלטער ווערט מען קליגער. איך מעג דיר זאגען דעם אמת ווייל איך בין דיר אונ דיין טאטען איין אמת גוטער פריינד. פאלג מיך אונ שלאג דיר ארויס דיא פיסטע זאכען פון קאפ. וואס טויגען דיר דיא פיסטע זאכען ראמאן, טאמאן, ענגעל, שמענגעל, דוא האב בעסער חתונה אונ נעם אמאן וויא עס דארף צו זיין וואס מאכסטו משוגע דיך אונ יענעם, וואס האסטו ניט קיין רחמנות אויף דיין טאטען, קוק איהם אן וויא ער איז נעבעך גרעה אונ אלט געווארען דורך דיר. קוק נאך אליין אהן וויא דוא מאכסט פון זיך צו אתל, געלטערט געווארען עס איז שוין גאר ניט דאס!

**חנהלע** אַי אַי אַי (זיא שלאגט זיך אין קאפּ) פּאטער! פּאטער!

**יצחק** (לויפט אריין) וואס איז דארטין וואס איז?

**שלמה** קוק נאר אן! פּאטער! אַי אַי איך וואלט זיא גילערינט!

**יצחק** אפינסטערער חלום אויף דיין קאפּ וואס האסטו מיר אן גימאכט פאר אצרה? אט אויף דעם האב איך דיך גירופין (צו איהר) נא שא שא טאכטער! איך וועל שוין מעהר ניט איך וועל איהם ארויס טרייבען!

**שלמה** קוק אים אן דעם אלטען שוטה ווי ער גיט איהר נאך אז אך אונ וועה איז דיר וויא דוא ערציהסט קינדער. גיב איהר נאך גיב איהר נאך, ועסט זעהן שפּעטער וואס פאר א סוף איהר וועט ביידע האבין!...

(חנה'לע האלט זיך דיא גאנצע צייט אין א"ין ווארפין)

פארהאנג פאלט!

# צווייטער אקט

שטעלט פאר אבולוואר פארטאג קבצנזאהן ליגט אויף אבאנק אונ שלאפט הייבט זיך אויף אונ ציהט זיך אויט.....

**קבצנזאהן** אהה! עס איז נאר וואס טאג גיווארין אונ איך קען נאך ניט שלאפין. דא אין גארטין איז קיהל, די באנק קוועטשט מיר אויס מיינע ביינער. אה עס איז ביטער. אבלל ס'איז שלעכט – שוין דרייא נעכט אז איך וואלגער מיך אזוי. וואס זאל איך טוען? אזוי איז מיין טבע. דערטאפ איך נאר עטליכע קאפּיקים ווערין באלד אויסגיוואקסין א חברה. איך פארשיכור עם. דאס איבריגע פערשפּיעל איך אין קארטין אונ ווער אפּיינער לייט – נאר דאס אַארט מיך שוין ניט אזוי. דער מאגען, אם דער וויסטער מאגין. ער וויל זיינם ניט שענקין. הינגעריג בין איך אזוי חיא אהונד. אונ עסען מוז מען. ווייל דאס איז וויכטיגער פון אלסדינג. וואריז אז איך וועל ניט עסין וועל איך קיין כח ניט האבען צוא הונגערין. אונ ארום צו געהן נאקיט אונ בארוויס! (פויזע) איך זאל דא

רי־טאפין ,עפים אמענטשעלע אדער מיט גיטעק אדער מיט פייזען אמטבע וואלט איך שוין באקומען (ער קוקט זיך אים) הא! גלייך וויא איך האב ארוים גירעדט אין אזא שעה איטיצער געהט לאמיך מיך באהאלטען. (ער באהאלט זיך אונטער אבוים).

**הונגערמאן** הונגעריג, נאקיט אונ שלעפעריג! ניין וואס זאג איך, נאקים שלעפעריג אונ הונגעריג! — ניין וואס זאג איך: שלעפעריג. נאקים אונ הונגעריג! איך פערשטעה ניט? וואס איך שפאר מיך דא אזוי אט אפנים ווי אזוי איך וועל וועלין לייענען דעם פסוק איז דען מיר ניט אלעס איינס? דאס איז דרייא פערשידענע מלאכי חבלה, וואס מאטערין מיר דיא קישקעס לעבעדיגער הייט. דער קיצעלט מיר אין מאגען, דער רייסט מיר אוים דיא קליידער אונ מאכט מיר אן אצוג לופט איבער דעם גאנצען לייב, אונ דער דרעהט מיר אונ רוישט מיר אין קאפ — אמעהר איך האב גאר פארגעסין דיא דאמע פיק האט מיר אזוי גיפיקט דיא גאנצע נאכט אין קאפ אז איך האב אוש פארגעסין אין דעם העך „מאגען" אה אז ער הייבט מיך אן צו מאגענען קען איך טאקי פאלען צו דער ערד. עס איז קיין תכלית, מען מוז זעהן געפעס צו קלערין (ער קוקט זיך אים אונ דער זעהט קבצנזאהן) הא? אט געהט דארט עפים א מענטשיל ער ווייזט אוים אביסיל קוטינגליך נאר דיא לייט פארשטעלען זיך א מאהל איך מוז זיך מיט איהם באקענען.

(אין דער זעלבער צייט ווען הונגערמאן רעד — רעד קאבצענזאהן אזוי)

**קבצנזאהן** דיא מענטשעליך פארשטעלין זיך צוא צייטען, זייא זענען ניט אזויא אוים ווי זייא ווייזען אוים, איך מוז מיך מיט איהם באקענען טאמער וועל איך בייא איהם אויסמאנטען עטליכע קאפיקעס.

זייא שלאגען זיך ביידע אן

**הונגערמאן** גוט מארגין ווינשע!

**קאבצענזאהן** גוט מארגין ווינשע!

**הונגערמאן** מיט וועהם האבע איך דיא עהרע?

**קאבצענזאהן** מיט וועהם האבע איך דאס פערגינינגען —

**הונגערמאן** ... הער הונגערמאן דעם גיוועזענעם באנקירס הונגערמאנס א זוהן אונד זיא?

קאבצענזאהן אונ איך בין הער קאבצענזאהן דעם געוועזענעם באנקירם קאבצענזאהנס אזוהן!

הונגערמאן ליידער האב איך אמאלעהר געהאט, דיא גאנצע נאכט אין קארשן גישפילט אין סיין גאנצעס-קאפיטאל פערלומפט.

קאבצענזאהן דאס זעלבע מאלעהר האב איך ליידער אויך גיהאבט!

הונגערמאן קענט איהר מיר ניט עטוואס אויס בארגין,

קאבצענזאהן פון מיין טויל ארויס גינומען איך האב עס אייך גאר וואס גיזאלט זאגען.

הונגערמאן הייסט עס האט איהר גאר ניט?

קאבצענזאהן נאך מעהר וויא גיטראפין!—

הונגערמאן זענט איהר פשוט א קבצן?

קאבצענזאהן נאך אריבער וויא גיטראפין.

הונגערמאן זענען מיר דאך ביידע אויף איין קרענק.

קאבצענזאהן נאך וואס פאר אקרענק? אז ס'ציהט מיך אמש צוא דער ערד.

הונגערמאן אויב אזוי לאמירזשע ריידין פראסט יודיש. שלום עליכם טעטער ברידער. ביזטו דאך מיין מענש. (זייא געבין זיך דיא הענד).

קאבצענזאהן שלום עליכם! זעהר רעכט, נאר וואס קענען מיר דא גיהאלפין זערין. אזוי האבען מיר גיהונגערט יעדער פאר זיך. יעצט דארפין מיר אין צווייען הונגערין.

הונגערמאן ע דאס איז בלאטע, אבי אין צווייען וועלין מיר שוין עפעס אויס קלערען. צוויי איז ניט איינער אנוא קלעהר! (קאבצענזאהן טראכט) נוא וואס קלערסטו אזוי לאנג.—

קבצענזאהן שטעה, שטעה, ווייסטו וואס איך האב אויס גיקלערט? ווען איך זאל האבין געלד וואלט איך עפעס געגעסין.

הונגערמאן פערד! דאס ווייס איך פון פריער! שלאג מיך ניט איבער איך וועל קלערין. (ער קלערט).

קבצענזאהן זייא קלער ניט אזויא לאנג ווייל איך וועל גיך אויס האלטען. אזויא הונגעריג בין איך.

הונגערמאן קום אהער! ווייסטו וואס איך האב אויס גיקלערט? ווען נאט זאל אונז דא באשערין עפעס אזייך מענטשעלע וואלטין מיר שוין

גְיִוִויסְט וָואס מִיר הָאבֶּען צוּא טְהָאן.

**קבצענזאהן** אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מורא אויף דָעם גָאט צוּא בֶּעטִין, ווייל פְרִיעָר הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גָאט גֶעבֶּעטִין, הָאט עֶר מִיר צוּא גֶעשִׁיקְט דִיךְ — אִיךְ שְׁטֶעל מִיר שׁוֹין פָאהר וָואס פַאר אדלות דָער דְרִיטֶער קֶען זַיין. וויא קוקין זיךְ ארום אין דער טיעף פון בולוואר בעמערקען זיי איין אלטען מאן נעהט פארטראכט אונ ליינט אצייטונג).

**התנערמאן** טסי! אָט גֶעהט מֶען, זֶעהסְטוּ אָט דָער אַלְטֶער מֶענְטְשׁ דִיר וָואגְט וָואס דוּא ווילְסְט פַאר אַנוּיט דָעם רִינְג! זֶעהְסְטוּ בְּלִישְׁצֶען בַּיי אִיהם אויפִין פִינְגֶער! אוּנ דָאס קֵייטֶעלֶע? אוּנ נָאךְ דָעם קֵייטֶעלֶע דַארְף מֶען פֶערְשְׁטֶעהן שְׁלֶעפְּט זִיךְ גִיוִויס נָאךְ אַזֵייגֶערִיל. ס'וֶועט זַיין רֶעכְט!

**קאבצענזאהן** יוא וָואס טְהוּט מֶען, אִיךְ בִּין אָבֶּער אַזוֹי הוּנְגֶערִיג אִיךְ וָואלְט אִיהם אַיין גֶעשְׁלִינְגֶען מִיט'ן קַאפֶּעלִישׁ.

**התנגערמאן** גֶעה פְּרִיוו זִיךְ בֶּעטֶען בַּייא אִיהם אנדבה!

**קבצנזאהן** דָאס וֶועסְטוּ נִיט פוּילֶען בַּייא מִיר, אִיךְ הָאבּ שְׁוַואכֶע הֶענְד! גֶעה דוּא צוּא! —

**התנערמאן** אִיךְ קֶען דָאס אוֹיךְ נִיט, נָאר אַז מִיר וֶועלֶען גֶעהן מִיט דִיךְ ארץ וֶועלִין מִיר גָאר נִיט הָאבֶּען, מֶען דַארְף דָא זֶעהן קְלֶערִין אַמִיטֶעל צוּא אִיהם. —

**קבצנזאהן** זֶעהְסְטוּ צוּ אִיהם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אַגוּטֶע עצה. אִיךְ קֶען דַייא גוּט אָט דִיא אַלְטֶע רַאקֶענ־פְרֶעסֶערְס. וִויא דוּא קוּקְסְט אִיהם אָן דֶעם אַלְטֶען פְּרִיוו בֶּעטִין בַּיי אִיהם אנדבה וֶועט עֶר דִיר גֶעווִיס אָפְּזָאגֶען. פַאר וָואס מֵיינְסְטוּ? ווייל מִיר זֶענֶען זִינְדִיגֶע מַאנְכְּפֶּערְזָאנֶען צוּא זַאמֶען גֶעשְׁטֶעלְט פוּן הוּיזֶען אוּנ רֶעק! דֶעם אַלְטֶען דַארְף מֶען זֶעהן מִיט עֶפֶּעס אַצוּפּ טוּעֶן בַּיים אַלְטֶען הֶערְץ צוּ וַוארֶעמֶען עֶס. אַ דָא וֶועט זִיךְ אַבִּיסִיל אַרִיהר טוּעֶן זַיין קֶעשֶׁענֶע. דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ מֵיין? לָאז עֶר גָאר דֶערְזֶעהן אַקְלֵיידִיל. אַרְיא וֶועט עֶר אָפּ גֶעבֶּען דִיא נשמה אפילו.

**התנערמאן** יוא ווִיאזְשֶׁע גֶעמְט מֶען דָאס מֵיידִיל?

**קבצנזאהן** בהמה אַמֵיידֶעל וֶועל אִיךְ אִיהם גֶעבֶּען? אַ מכה! אַקְלֵיידֶעל הָאבּ אִיךְ דִיר גְ'זָאגְט. אַ דָאס אִיז דִיא קוּנְץ פַאר אַקְלֵיידֶעל וֶועט עֶר גֶעבִּין

געלד מעג זיין אונטער דעם אפילו א שטעקין.

**הונגערמאן** איך פערשטעהע ניט וואס דוא מיינסט?

**קאבצענזאהן** הער אויס! איך וועל געהן האפען ביי מיין באקאנטער וועלכע מארגאלע א קליידיל מיט אהיטעלע מיט אנאנטיק און איך וועל מיך אן טיען פאר א פרויא און דוא אין דער צייט וועסט זיך באהאלטען אונטער דיא ביימער. דינג אז איך וועל אריין קומען אלס פרויא און אנהייבען מאכען דיא חצופה'לע הענדלעך וועט ער זיך אוודאי צוא שארען צו מיר. איך וועל זיך אבער אנדערש ניט לאזן ביידען ביז ער וועט מיר ניט פריער ווייזען זיין בייטעלע, דענסטמאהל זאלסטו ארויס שפרינגען פון אונטערין בוים איהם איבער פאלין און אנהייבען שרייען אז איך בין דיין פרויא — וועט דאס פאר איהם ניט פאסען דער גיוואלד, וועט ער מוזען געבען געלד, נאר וואס זאגסטו אויף דאס אפלאן? (אב).

**הונגערמאן** נא איז דאס אשארלאטאן! וואס דען זאל מען טהאן. נויט ברעכט אייזען. דיא נויט ברינגט צוא אלעמען, דיא בעסטע ערפינדונגען ווער מאכט מעהר וויא דיא נויט? אוודאי בין איך ניט געוועזען אזוי פראקטיש אז איך בין גיוועהן ביים טאטען און דיא מאמע האט מיך פארצערטעלט און האט מיר אלסדינג נאך געגעבען, און דאס איז טאקי גיוועהן מיין אומגליק וואריין ווען מיינע עלטערין וואלטען מיך געוועהן געלערינט אמלאכה. זייא זענען אבער געוועהן מיוחסים און רייך נאך דערצו איז זייא ניט אן גישמאגען דעם זאהן צוא לערנען אמלאכה זייא האבען ניט געוויסט אז ס'קען זיך זייא נאך איבער קעהרען מיט דער פיטער אראפ און זייער זאהן זאל דארפען ווערען אגנב. מיילא וואס קען מען מאכען? ס'איז שוין פארפאלען ווען איך וואלט האטשע געוויסט אז דער רייכער מענטש האט רחמנות אויף דעם ארימען וואלט איך פארשפארט אלע אויפטיהכצען, וואס וועל איך מיך נאך שמירען מיין פנים אז איך וויים אז ס'איז אומזיסט צום בעוויז וועל איך ניט זשאלעווען צוא איהם צו צו טרעטען און בעטען אגרבה וועט איהר אין מיסטען זעהן אז איך האב רעכט, (ער גייט צו צום אלטען נייגט זיך) מיין ליבער הער זייט אזוי גוט און שענקט

מיר עפעס אגרבה (דער אלטער גיט אמאך מיט דער האנד) איהר זאגט דאך דאכט מיר אזוי וויא האט איהר גיט אידיש הערץ אין זיך האט רחמנות איף מיר שוין דעם דריטען טאג אז איך האב ניט גיגעסין. איהר זעהט ווי ער מאכט זיך טויב. ער פארשטאפט דיא איערין מיט וואטע. מיין ליבער הער! האט רחמנות איך האב אוייב מיט קינדער זייא שטארבען פאר הונגער, שענקט מיר עפעס איף ברוים.

**אלטער** (בייז) פארט!

**הונגערמאן** אט האט איהר! וואס דען? איך קען זייא ניט דיא אלטע שארלאטאנעס. אט לאז ער נאר דערזעהן אקליידיל וועט איהר זעהן וויא ער וועט זיך באלד אומקוקין. ס'וועט מיט איהם אזוארף מהאן וויא אקרחת. אונ וויא ניך ער וועט אעפען מהאן דאס בייטעלע, זיא זאל נעמען וויפיל זיא וויל — שא אט געהט מיין קבצנזאהן ס'וועט זיין רעכט.

**קאבצענזאהן** (קומט ארייז פערקליידעט אלס פרויא מיט אואנטינג אין דער האנד אונ מיט דער אנדערער פאכעט ער זיך מיט אפעכער) דאס וועטער איז שעהן. דיא לופט איז פריש אין גארטין, אבער זעהר ווייניג מענטשען שפאצירען היער אים גארטען —

**דער אלטער** (קוקט זיך אום לייגט אוועק דיא ציימונג — קוקט זיך גוט צוא) אי! אי! אשעהנע וואקס אשעהנע טאליע ס'איז טאקי גאר אה ע-ע-ע מאדאם!

**קאבצענזאהן** וואס? גלויבען זיא דאס איך ווי אלט בין דאס זיא נענען מיך מאדאם? איך בין נאך א פריילין! —

**דער אלטער** אוי אפיסקעלע, אשפראכע עס צוא געהט זיך אין איםליבעס אבר! ענטשולדיגען זיא פריילין זינד זיא נאך אונפערהייראטעט?

**קבצנזאהן** איך האבע איהנען שוין איינמאהל גיזאגט, אבער וואס ווינשען זיא פון מיר?

**דער אלטער** וועה וויא האלט איך עס אוים, הערט אשפראכע, זיא צוא מארעטט מיר מיינע גלידער הערט א שטימע זעהט אפיסקאניא איך איך האבע קיינע פרויא איך בין נאך אונפערהייראטעט —

**קבצענזאהן** יַא וָואס גֶעהט ֶעס מִיךְ אָן ? וָואס וִוינְשֶׁען זִיא פוּן מִיר !

**דער אלטער** וָואס אִיךְ וִוינְשֶׁע ? (ער ריקט זיךְ צו צו אידר).

**קבצנזאהן** בִּיטֶע נוּר אַיין בִּיסְכֶן וַוייטֶער ! —

**דער אלטער** אַבִּיסְכֶען וַוייטֶער ! וָואס פַאר אַנִיסֶע דַייטְשֶׁע שְׁפְּרַאכֶע !

**קבצנזאהן** (אפארט) אַזַא יָאהר אויף דִיר. (צום אלטען) עֶ וָואס מַאכֶען זִיא אָבֶער דָאס אִיז צוּ פִּיעל ! —

**אלטער** צוּ פִּיעל חָ חֵ חָ נָא הֶערְען זִיא מַיין טַייעֶרֶעס פְּרֵייליין ! זִיא זָאלְט וִויסֶען דָאס אִיךְ בִּין רַייךְ זֶעהר רַייךְ —

**קבצענזאהן** נָא וָואס גֶעהט ֶעס דֶען מִיךְ אַן ?

**אלטער** וָואס ? וָואס זִיא וִוינְשֶׁען הָאבֶען זִיא בַּייא מִיר נוּר פִּיר אַיינֶען קוּם !

**קבצנזאהן** הַא שֶׁעהמֶען זִיא זִיךְ נִיט אִיהר אַלְטֶער !

**אלטער** וָואס שְׁפְּרֶעכֶען זִיא פָאס אַלְטֶער אָבֶער גֶעלְד הַאבֶּע אִיךְ !

**קבצנזאהן** דַאס אִיז דָאךְ אִיהר גֶעלְד וָואס הָאב אִיךְ דֶען דַאפָאן ?

**אלטער** אָה זִיא קֶענֶען אויךְ הָאבֶען זִיא קֶענֶען דָאס גַאנְצֶע בֶּעקוּמֶען נוּר פִּיר אַיינֶען קוּם —

**קבצנזאהן** הָאבֶען זִיא דֶען דָארְט פִּיעל גֶעלְד ? צַייגֶען זִיא מִיר !

**אלטער** ווייזט איהם דאס בייטעלע קבצנזאהן האפט עס אוים אונ טוט אסיגנאל הַא ! הַא !

**הוננערמאן** (שפרינגט ארוים פון אונטער דעם בוים) וָואס אִיז דָאס ! וָואס הָאט אִיהר צוּ מַיין פְרוֹי ? עֶ מֶענְטְשֶׁען קוּמְט אַהֶער.

**אלטער** נַאט אַייךְ נַאט אַייךְ אַלְסְדִינְג אַבִּי לָאזְט מִיךְ צוּרוּה. (וויא רייסען בייא איהם אפ דאס קייטיל מיטן זייגער אונ דעם ראק דעם פאלטאה שלאגין איהם אונ ווארפען ארוים).

**הוננערמאן** (לאכענדיג) ס'אִיז גָאר קֵיין פְּלַאן קֵיין שְׁלֶעכְטֶער

**קבצנזאהן** וַוארְט אוים אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ בֶּעסֶערְין ! דָא אִין שְׁטָאט אִיז דָא אַקָארְגֶער עושר ר' יצחק עֶר הָאט אַיין אַלְטֶע מויד פוּן אַיְאהר 29.8..7.6. זִיא וִויל אויף קֵיין פַאל נִיט התונה הָאבֶען גָאר בִּיז זִיא וֶועט הֶערְטַאפֶּען אַיוּנְג יוּנְגֶעלֶע עֶר זָאל רַיידֶען דַייטְשׁ הָאבֶען שְׁוַוארְצֶע וָואנְצֶעלֶעךְ אונ הַייסֶען פראנץ זִיא הָאלְט שְׁטֶענְדִיג אַבִּיכֶעל אִין דֶער הַאנְד. אראמאן. אִיךְ בִּין גֶעוָואר גֶעוָוארִין אַז זִיא וֶועט

אַנְדערְשׁ נִיט חתונה הָאבְּן נָאר וְויא עֶס שְׁטֶעהְט אִין דָעם ראמאן ;

**הונגערמאן** אִין דָעם ראמאן הֵייסְט דָאךְ דֶער הֶעלְד פראנץ ?

**קבצנזאהן** נָא וֶועל אִיךְ הֵייסְן פראנץ , פַאר מִיר אִיז דָאךְ אַלְס אֵיינְס וְויא אִיךְ הֵייס . אַז אִיךְ הֵיים גנב אִיז בֶּעסֶער ? דִיא גַאנְצֶע זַאךְ אַז בִּין אָהֶער הָאבּ אִיךְ נִיט גִיקֶענְט אוֹיס פִיהְרֶען מֵיין פְּלַאן וְוייל אִיךְ בִּין גִיגַאנְגֶען אָפּ גִירוּקְט זִיא וָואלְט מִיךְ בַּאלְד דֶערְקֶענְט אַז אִיךְ בִּין אַשְׁטְרָענְגַאר ; יֶעצְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעלְד וֶועל אִיךְ מִיר קוֹיפְן אַשֵׁיינֶעם אַנְצוּג אוּנ דוּא וֶועסְט זֶעהְן וְויא אִיךְ וֶועל אִיהְר גֶעפֶעלֶען אוּנ וֶועל מִיט אִיהְר חתונה הָאבְּן . אִיךְ וֶועל מִיט אִיהְר שְׁפִּיעלֶען אַלִיעבֶּע אַז דֶער קָאפּ וֶועט אִיהְר הַארְט וֶוערְן . דַייטְשׁ רֶעדֶען קֶען אִיךְ דָאךְ אוּנ פראנץ הֵייסֶען אִיז דָאךְ בַּייא מִיר קֵיין מלאכה נִיט . אוּנ אַפָּאהְר וְואנְצֶעלֶעךְ וֶועל אִיךְ מִיר מַאכֶען . נָאר דִיךְ וֶועל אִיךְ בֶּעטֶען דוּא זָאלְסְט זִיךְ צוּ מִיר נִיט וַוייזֶען דִיא גַאנְצֶע צֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל חתונה הָאבְּן מִיט אִיהְר אוּנ אִיהְר קַאפִּיטַאל וֶועט לִיגֶען בַּייא מִיר אִין דִיא הֶענְד . דֶערְנָאךְ וֶועלֶען מִיר לֶעבֶּען נָא וָואס זָאגְסְטוּ צוּ דֶעם פְּלַאן ?

**הונגערמאן** ס'אִיז אוֹיךְ קֵיין פְּלַאן קֵיין שְׁלֶעכְטֶער , (וויא זינגט ;

.1

**קבצנזאהן**
יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט
וָואס טְהוּט דֶען נִיט אִין אַ נוֹיט
דֶער טְהוּט עֶס צוּ לִיעבּ דֶעם גֶעלְט
דֶער צוּ לִיעבּ אַ שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט
אַפִּילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹשֶׁר
נֶעהְט פוּן דֶער רָאלְלֶע נִישְׁט אַרוֹיס
דֶער טְהוּט עֶס קְלַאמֶערְשְׁט מִיט יוֹשֶׁר
דֶער שְׁווינְדֶעלְט דֶער נַארְט אוֹיס
ס'אִיז אוֹיךְ קֵיין פְּלַאן קֵיין שְׁלֶעכְטֶער
אִיךְ קָאךְ אַזְשׁ פַאר גִילֶעכְטֶער . חַה חַה חַה

2

דָארְט זֶעהט אַיין אַדְוָאקַאט
זַייגְס גָאר אִין דֶער וֶועלְט
גָאר אִין אַ קוּרְצֶער צַייט
לַאדְט עֶר אוֹיךְ דָאס גֶעלְד
עֶר לַאדְט עֶס בֶּאֱמֶת אוֹיס
בַּיים סוֹחֵר בִּיז אִין אַיין פְּרוּטָה
עֶר שְׁטֶעלְט אָבֶּער אוֹיךְ אַרוֹיס
דֶעם קְלִיֶענְט אַ פַייג אַ גוּטֶע א. ז. ח.

3

אַ שְׁרַייבֶּער אַ גִימֵיינֶער
גִיהַאלְט נֶעמְט עֶר גָאר וֶוינִיג
וִויא קוּמְט עֶס פְּרֶעגְט נִישְׁט קֵיינֶער
וָואס עֶר לֶעבְּט זִיךְ וִויא אַ קֶענִיג
ווייל מִיט דֶער רֶעכְטֶער הַאנְד דֶער פְּלִינְקֶער
וֶוען עֶר הַאלְט דִיא פֶעדֶער
מַאכְט עֶר מִיט דֶער לִינְקֶער
אַט אַזוֹיא כְּסֵדֶר א. ז. ח.

4

צַייגֶער הָאט אַ מַאגַאזִין
שַׁיין גָאר אָפּ צוּ מָאהלֶען
וָואס טְהוּט עֶר אַז צוּם טֶערְמִין
הָאט עֶר נִישְׁט צוּ בַּאצָאהְלֶען
עֶר צִינְט עֶס אוּנְטֶער אַם עֶנְדְ'

און מאַכט אַ גוט געשעפט
און מאַנט בייא דער אַנגענדע
דאפּעלט וואס דאס באטרעפט א. ז. וו.

5

פֿאר ליבט אין אַ יונגען מאַן
איז איין אַלטע דאמע
עס וואָלט איהר גיבער גיפאַסט צו זיין
פֿאר איהם אַלליין א מאַמע
זיא גיט איהם איהר עשירות
ביז אין דער לעצטער קלינגער
און ער נעמט בייא איהר דיא ליבע
און שענקט אַוועק אַ יונגער א. ז. וו.

6

איין אַלטער אַלמן דארט
נעמט נאך גאר א יונג ווייבעל
זיא שווערט איהם אויף איהר וואָרט
אַז זיא ליעבט איהם וויא א טייבעל
ער ברענגט זיך אום דער אַלטער
און טהוט זיך כל העצות
און זיא קושט זיך מיט דעם בוכהאלטער
הינטער זיינע פּלייצעס א. ז. וו.

**ענדע דעם צווייטין אקט**

# דריטער אקט

**ישמעלם פאר ראס זעלבע צימער ר' יצחק'ס פון דעם ערשטען אקט קאראליוא זיצט נעבין אטיש) אונ וויינט יצחק שטעהט נעבין איהר...**

**יצחק** ניין, ניין טאכטער! יעצט וועט מען דיך שוין ניט הערין אז דוא וועסט וויינען אונ קלאגין אפילו! אז דוא האסט איהם שוין גיקענט אפ זאגין – שלמה'ן, מיינער אונ דיינער נוטער פריינד מענסטו מאכי וויינען! אזא פיינער יונגערמאן, ניט קיין נאר אונ ניט אנגעבילדעט אונ רייך. איין אנדער מיידעל אויף דיין ארט וואלט זיך גליקליך גישעצט. ווען ער זאל זיא וועלין נעמען –. נא? ווער וועט זיך אויף דיר היינט אומקוקין אפילו מיט דיין געלד? ביסט שוין אלט, ביסט ניט אזוי שעהן וויא אמאהל, האסטו איהם שוין אנגיוואוירען טאכטער מעגסטו שוין וויינען – איך וועל שוין אויף דיר קיין רחמנות האבין אז דוא האסט אויף דיר קיין רחמנות.

**חנה** אך לאז מיך צו רוה, איך קען יעצט מיט דיר ניט שפרעכין איך בין עפעס שמאכטעטעריש...

**יצחק** שמאכטעטעריש?... ווער ווער איז צו מיר (אב).

**חנה** (זיא קרימט זיך נאך) שלמה'ן זאל איך איהם נעמען? א טייערער נאמען „שלמה" גלאט ער וויל איך זאל אזוי חתונה האבין: גוט מארגין גוט יאהר! – ניין מיר ריכט עס ניט אין דער נאזע, איך וואלט גיוואלט ס'זאל זיך ראשען, טאראראמען, פילדערין, אט אשטייגער וויא דא (זיא ווייזט אויף דעם ביכעל).

**בעדינטער** איונגער מאן פרעגט זיך צו אייך, זאל איך איהם אריין לאזין?

**חנה** וויא הייסט ער?

**בעדינטער** ער זאגט מיר ער הייסט פראנץ פראנצענזאהן! –

**חנה** געדאפעלט?... בעט איהם אריין! – (דיענער עפינט דיא טהיר).

**קבצנזאהן** (קומט אריין שארלאטאניש) מיין קאמפלימענט ווערטעס פריילין.–

**חנה** וואהל בעקוקטען! — ביטע פלאצען זיא. (אפארט) וויא שעהן ער רעדט דייטש.

**קבצנזאהן** (אפארט) וועלכע שיינהייט! —

**חנה** (אפארט) אונ הייסט פראנץ!

**קבצנזאהן** (אפארט) רייצענד אונ יונג!

**חנה** (אפארט) אונ מיט שווארצע וואנצעלעך!

**קבצנזאהן** (צו איהר) ענשולדיגען זיא וואס פאר אבוך איז דיזעס זיא ערלויבען?

**חנה** יא, גיין, איך ביטע, זיא האבען בעשאמפעלעך געלעזען דעם ראמאן „דאס גליקליכע עהעפאאר".

**פראנץ** אהא! דאס?.. אהה! יא אך! (ער זיפצט):

**חנה** וויא זיפצין הער פראנץ? פראנץ הייסען זיא גלויב איך?

**פראנץ** צומבעליעבען — אונ זיא וואן איך פראגע דארף?

**חנה** (צו לייגט דאסווארט) קא־רא־לי־נא!

**פראנץ** קאראלינא? מיין גאטט!

**חנה** (אפארט) אדאס איז אט אפנים דאס גליק וואס איך האב אזוי לאנג ארוים גיקוקט אויף איהם — אנא לאמיר נאר אריין קוקין אין ביך.

**(זיא ליינט)** לאנגע שטאנדין זיא — (אים זויא וויטער).

**פראנץ** (מהוט אפאל אויף דיא קניע) אט דא מיין ענגעל! מיט וועלכען צויבער האסט דוא מיך אמשטריקט דיינע אויגין שיינען מיר ווי דער מארגין זויא העל — דיינע נאזע אה דיינע נאזע איז דיא נאזע אלער נאז — דיין געטליכעס בילד זעהע איך איהם טרוימע נור איין ווארט איך ליעבע דיך זאנסט שטערבע איך! —

**חנה** (אפארט) גוט גוט, יעצט לאמיך זעהן וואס האב איך צו טוען (זיא זינגט) איך וויים ניט וואס מיר פעהלעט (ער זינגט מיט איהר צוב שלוסס פון דעם ליעד צו קישען זייא זיך אין דעם מאמענט קומט אן יצחק).

**יצחק** ואס איז דאס? (ער געהט צו צו קבצנזאהן אונ קוקט איהם אן) מיט וואנצעלעך? יוא אבת מיט וואנצעלעך (ער באקוקט איהם פון קאפף ביז פוס), אט דאס איז דער פאלאסטראנט? נא אודאי איז כדאי גיוועזן צו ווארטין אויף אזא בהורה! קיק אן קוק אן אוים גיפיצט אונ האם

אוודאי נִיט אָקאָפּיֶקע בַּייא דֶער נשמה.

**פראנץ** פון וואַנֶען האָט עֶר גִיטְרָאפִין?

**יצחק** אָבֶּער וִויא קוּמְט עֶר אַהֶער? דוּרְךְ וואַנֶען אִיז עֶר דָא אַרַיין אִין שְׁטוּב?

**פראנץ** אָבֶּער דָאךְ וואַנֶען קוּמְט מֶען דָא אַרוֹיס?

**יצחק** אָט דָאס אִיז אַשַׁארְלַאטַאן! מֶען קִישְׁט זִיךְ שׁוֹין גָאר! הֶער נָייער דִיא פַיינֶער יוּנְג! וָואס טְהוּסְטוּ דָא? וָואס פַאר ארוח הָאט דִיךְ גִיבְּרַאכְט אַהֶער?

**פראנץ** וָואס פַאר ארוח הָאט אִיהם אָנְגְיטְרָאגְן אַהֶער? —

**יצחק** הָאסְט קֵיין אַנְדֶער אָרְט נִיט גִיהַאט אוֹיס צוּא בְּרֶענְגֶען דַיין שַׁארְלַאטַאנְסְטְוָוע נָאר דָא בַּיי מִיר? אוּמְגְלִיקְלִיךְ צוּא מַאכֶען מַיין טָאכְטֶער? אַרוֹיס! (ער טרייבט איהם ארויס).

**חנה** (אין ביכיל קיקינדיג) אָבֶּער נִיט אַיין וָוארְט וִויא דָא שְׁטֶעהט!

**יצחק** (צו חנה) אָט דָאס אִיז אפנים דַיין זִיוִוּיג! — וִויפִיל אִיךְ הָאבּ דִיר אִיבֶּער גִירֶעד שידוכים אִיז דִיךְ שְׁוֶועהר גִיוֶוען צוּא בֵּייגֶען אוּנ דָא הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי גִיךְ גִיזִיווִיגְט? אַשֵׁיינֶער בַּייט פון שלמה'ן אוֹיף אִיהם. נָא אוּנ אַזוֹי אֵיינֶער מֵיינְסְטוּ וֶועט דִיר קֶענֶען בְּרוֹיט גֶעבֶּען?

**חנה** (דיא גאנצע צייט קוקענדיג אין ביכיל אונ רעד צו זיך) אָבֶּער נִיט אַיין וָוארְט וויא דָא שְׁטֶעהט אָבֶּער אִיךְ וֶועל אִיהם אַנְדֶערְשׁ עֶנְטְוֶוערִין.

**(צו איהם)** אִיךְ פְרֶעג דִיךְ נָאר וָואס ווִילְסְטוּ פון מַיין לֶעבֶּען הָאבֶּען וָואס לָאזְטוּ מִיךְ נִיט גִיבִּינְדֵייעֶן אוֹיף דֶער וֶועלְט? קוֹים הָאבּ אִיךְ גִיוָאלְט אַבִּיסִיל צוּ זִיךְ קוּמֶען זִיךְ אַבִּיסִיל ווִידֶערְהָאלֶען טְרָאגְט עֶס אִיהם אָן אִין מִיטֶען! — יוא יוא נֶא וָואסוּשֶׁע ווִילְסְטוּ? אַדָאס אִיז מַיין זִיוִויג.. אָט אַזוֹי ווִיל אִיךְ! אוּנ דִיר זָאג אִיךְ הֶערְסְטוּ? אִיךְ וֶועה דָאךְ אַז דוּא הָאסְט אִיהם אַרוֹיס גִיטְרִיבִּין אוֹיף דֶער אמתן זָאג אִיךְ דִיר אַז דוּא וֶועסְט מִיר אִיהם נִיט לוֹיפֶען אָפְּזוּבֶען אוּנ מִיר אִיהם בְּרֶענְגֶען אַהֶער גִיפִינְכְט דוּא מִיךְ גִישְׁט מָארְגֶעגְדִיגֶען טָאג בַּייא דִיר אִין שְׁטוּב. וויא מֶען הָאט אַהָעזֶה אַמֶענְטְשֶׁען בַּייא מִיר אִין שְׁטוּב צוּ בְּלַאמְבִּירֶען. פִּי שֶׁעם דִיךְ! — נָאר אַיין עֶק בְּרֶענְגְסְטוּ מִיר אִיהם צוּרִיק אִיז גוּט — אַלָא נִיט...

**יצחק** נָא שַׁא שַׁא טָאכְטֶער! אָט גֶעה אִיךְ אִיהם אָפּ זוּכֶען שַׁא שַׁא (אב).

**חנה** הָאט אִיהר גִיהֶערְט אַיין אוּנְשִׁיקֶענִישׁ אוּיף מַיין קָאפּ? אִיךְ הָאב קוים דֶערְטַאפְּט מַיין פַּארְטִיע: מַיין פראנצען אונ רֶעד אַזויא שֶׁעהְן דַייטשׁ אונ מִיט שֶׁעהְנֶע שְׁוַוארְצֶע וָואוּ‌צֶעלֶעךְ, אונ שְׁפִּילט דֶעם ראמאן פָאלְקָאמֶען טְרָאגְט עֶם אִיהם אָהְן. קוּמְסְט אַרַיין זֶעדר רֶעכְט רֶעד וִויא אַמֶענְטְשׁ, וִויא אִין בִּיכִיל שְׁטֶעהט, נַיין הֵעד ־ עֶר נָאר פַּאר פַּייֶער אונ פַּאר וַואסֶער אונ מַיינְט עֶם טַאקֶע עֶרֶענְסְט, לָאמִיר נָאר זֶעהְן וִויא עֶר וֶועט מִיר נִיט צו לִיעב טוּעֶן? — מִיר אִיבֶּעֶר שְׁלָאגֶען מַיין ראמאן!... אַזַא שַׁיינֶער טַייעֶרֶער ראמאן, אִיטְלִיכֶעם וָוארְט אִיז גָאלְד פֶּערֶעלֶעךְ שִׁיטֶען זִיךְ פוּן יֶעדֶען וָוארְט.

**(זיא ליינט וויטער)** אַיינֶע שֶׁעהְנֶע זָאמֶער נַאכְט, דִיא נַאטוּר שְׁלִיעף אִין זַאנְפְטִין שְׁלִימֶער אוּנְטֶער דֶעם בְּלוּיֶען מִיט בְּרִילַאנְטִין גֶעשְׁטִיקְטֶע דֶעקֶע דֶער הֶעלֶע מָאנְד פַארְשְׁטֶעקְטֶע זַיין בְּלַאסֶעם גֶעזִיכְט אוּנְטֶער דיא שְׁוַוארְצֶע וָואלֶקֶען שְׁלָאף לָאז וֶועלְטְצֶע זִיךְ קאראלינא אויף אִיהְר וַוייכֶעם לַאגֶער טִיעפֶע זִיפְצֶער עֶנְטְשְׁפְּרוּנְגֶען אִיהֶרֶער בְּרוּסְט פְּלֶעצְלִיךְ הֶעלְט זִיא אַיינֶע זַאנְפְטֶע זִיסֶע שְׁטוּמֶע שִׁיעֶן אִיהר דְרוּיסִין אוּנְטֶער דֶען פֶּענְסְטֶער צוּ פֶערְנֶעהמֶען. (אין דעם מאמענט זינגט פראנץ אונטער דעם פענסטער קאראלינא).

**חנה** (הערט זיךְ צו) (לֵיינט) טִיעף בַּאוֶועקְט פוּן דֶעם מֶעלָאדִישֶׁען טֶענֶען קאראלִינא לִיעף רַאשׁ צוּם פֶענְסְטֶער אונ (זיא ענטלויפט ווךךְ׳ן פענסטער).

**יצחק** (קומט אריין פון דער מיטעל טהיר) זִיא הָאט מִיךְ גִישִׁיקְט אִיהם אָפְּזוּכֶען, אִיךְ וַויים וִויא עֶר הָאט גִיקֶענְט אַוֶועק, גֶעה זִיךְ דֶעם נֶעכְטִיגֶען טָאג, נַא דִיר אַזַא יְשְׁלִימַאזִיל אויף מַיין קָאפּ. דָאס אִיז נָאךְ מֶעהר וַוייטִיג אִיךְ אַלֵיין זָאל נָאךְ גֶעהן אִיהם אָפּ זוּכֶען! אלא נִיט זָאגְט זִיא אוי דָער אלא נִיט, חנהלע מַיין טָאכְטֶער! שַׁא אַזָאס אִיז שֶׁעהן! חנהלע! חנהלע! מִיר דַאכְט אַז זִיא אִיז שוין אַיךְ גִיטָא, נָאךְ דָאס וַואלְט מִיר גִיפֶעלְט. אַצוּנְד דַארְף מֶען שוין לויפען בֵּיידֶע זוּכֶען. חנהלע וִויא בִּיסְטוּ. (ער לאזט זיךְ ארויס לויפן. שלמה קומט איהם ענטגעגען.

**שלמה** שטעה שטעה וויהין לויפסטו?

**יצחק** אי לאז מיך (ער וויל ארוים לויפן).

**שלמה** (האלט איהם צוריק) וואס איז דא? וואס איז?

**יצחק** עס איז שוין רעכט פרעגן ניט – אי לאז מיך גיכער!

**שלמה** וואסזשע איז דא? דערציילט מיר אויך!

**יצחק** איך מוז זיא שוין געהן אפ זיכען זיא איז אנטלאפין.

**שלמה** אט דאס איז גאר! קומזשע צוריק אונ זעצט דיך אנידער דיא נארישער טאטע. אונ מאך ניט אזא גיוואלד איך וועל זיא דיר אפ זיכען.

**יצחק** וואס רעדסטו! דוא ווייסט וויא זיא איז?

**שלמה** אז איך זאג דיר מעגסטו מיר גלייבין, זיא איז ביי מיר אזוי טייער וויא ביי דיר, ווארט זשע נאר אנידער האב צייט.

**יצחק** זאגזשע מיר גיכער אונ נעם מיר ניט ארוים מיינע כוחות דוא ווייסט דאך אז מיין גאנץ לעבין הענגט אין איהר.

**שלמה** איך וועל דיר זאגין, איך בין שוין דערגאנגען אלעס דא איז אזוי וויא איך האב דיר גיזאגט, דא איז קיינער ניט שולדיג נאר דוא אליין. ערשטינס גיסטו איהר פיל נאך. צווייטינס האסטו זיך ניט צו גיהערט צו איהר בילדונג דוא זאלסט זיא גיוועהן רעגעלמעסיג בילדין אונ ערציהען וואלט אנדערש גיוועהן זיא האט גילייענט אין ביכעל אויף איהר לעבען אונ דאס ביכעל איז ביי איהר תורת משה אונ נעמט שוין דערפין אמוסר אונ וויל נאר טוען וויא אין פסוק שטעהט. אצונד איז זיא אנטלאפין מיט איהם דורך דעם פענצטער אונ זיצט אוודאי מיט איהם אין הויף אדער אין קעך דיא האט מיט איהם אזוי גידארפט אנטלויפין דורך דעם פענסטער אזוי וויא דוא. נאר אין ביכעל שטעהט דאך אזוי!... באלד וועסטו ערהאלטין פון איהר אבריף דוא זאלסט זייא בענטשען, אונ זיא וועט מיט איהם חתונה האבען, דוא וועסט עס איהר מוזען צו ליעב טוען מיט דעם וועט זיך ענדיגען דער ערשטער טייל פון דעם ראמאן. מעהר וועט זיא דיר שוין קיין קאפ ניט דילען דאס מעגסטו דיר זיכער. ווייסטו פאר וואס? וויל אין ביכעל שטייט שוין ניט

מעהר. נאר ביים צווייטען טייל פון דעם ראמאן ווינטש איך מיר ניט צו זיין, זיא האט אריין גיקיקט אין ביביל אונ האט ניט גיזעהן מיט וועהמען זיא פערבינט זיך דער מענטש איז אגיפעהרליכער דאס וויים איך. נאר איך וועל דיר דיין הערץ מעהר ניט שוועהר מאכען; הלוואי עס זאל זיך אויס לאזען צום גוטען, איך בין אייך אוודאי גיטרייא, אונ זיא טוהט מיר שטארק באנק – אלזויא וויסען זאלסטו או איך פאהר יעצט אוועק וועגין מיינע גישעפטין דוא וועסט מיר אוודאי ניט וועלין שרייבין וואס דא וועט פארגעהן. האב איך מיר דא באשטעלט אגוטען פריינד וואס ער וועט מיר מיט יעדער פאסט שרייבין וואס דא וועט פארגעהן, אונ קוים וועל איך הערין אז זיא שטעהט שלעכט וועל איך אוזענבליק קומען אהער. דיא האפנונג האב איך ניט פערלוירען. נאך אלע זאכען זאג איך דיר אז זיא בלייבט מיינע אדיע (אב).

**...עדינטער** (קומט אריין מיט אבריף) איין בריעף פון אייער קינדער!

**יצחק** נא נא ריף זיי שוין אריין מיילא וואס זאל איך טוען.

**חנה** (געארימט פראנצען) האבע דיא ערדע פאהר צו שטעלין מיין גאטזעליגען פאטער זאל לעבען.

**פראנץ** ברוך דין אמת!

**חנה** פאטער דיין זעגין! וואס ווייכסטו?

**יצחק** פאר שמחה טאכטער, לאז דיר גאטט העלפין וויא איך ווינש דיר (ער לייגט ארויף אויףביידע דיא הענד בענשט זייא וויינענדיג אונ געהט אב).

**חנה** עס איז אפילו ניט אזוי גוט דייטש נאר לאז זיין הא! וואס זאגסטו פראנץ?

**פראנץ** פארשטייט זיך, ערשטינס האט דער פאטער דעם ראמאן ניט גילעזען אונ צווייטענס שטעהט דאך מעהר ניט אין ביביל גישריבין ווייל דא האט זיך גיענדיגט דיא ערשטע טהייל פון דעם ראמאן.

**חנה** וואס ס'איז נאך דא א צווייטער טהייל? אונ איך וויים גאר ניט?

**פראנץ** ע ע ע נאך וואס פאר אטייל פיל שענער פון דעם ערשטען.

**חנה** קען איך איהם לעזין?

**פראנץ** ניין! נאר איך קען איהם אויסענווייניג װייל דער צווייטער טייל איז מעהר פראקטיש. איך װעל איהם מיט דיר דורך געהן װיא עס דארף צו זיין.

**חנה** איך בעט דיך װיא הייבט זיך אהן דער צווייטער טייל.

**פראנץ** דאס געדענק איך אז פראנץ מיט קאראלינע מוזן חתונה האבן.

**חנה** נא דאס װעט דאך במילא זיין.

**פראנץ** אונ קאראלינא מוז אוים װערקן ביים פאטער דאי מיט נוטע דאי מיט בייזען ער זאל אויף איהם פארשרייבן דאס הויז מיט זיין גאנץ פארמעגן.

**חנה** ע דאס איז אקליינינקייט דוא װייסט דאך אז איך האב דיא ריעה ביים טאטען. נא װייטער.

**פראנץ** יעצט קען איך מיר גראדע ניט אזוי פיל ערראינערין נאר צו ביסלעך װיים װעל איך דיר שוין דערצעהלען הא הא עס קומט פאר מען דארף זינגען, פריילך זיין. אבל מען טאנצט אונ ס׳איז פריילך.

**חנה** א לעבן זאלסטו.

**פראנץ** אט נא דיר שוין אביישפיל דאס ערשטע ליד פאנגט אזוי אהן –

(ער זינגט)

נימא שוין דיא צייטין
פון כלי זמרים אונ בדחנים
מיר מענטשען מיר לייטען
דארפין קיין שדכנים
אט אזוי אט אזוי
האט מען חתונה גאנץ פיין נאך דעם ראמאן
אונ אליעבע מוז זיין.

---

מיר יונגע לייט מענען
נאר אנדערש הייראטען

מ'ד דאַרְפִין נִיט פְרֶעגֶן

קיין מַאמֶען קיין טאַטֶע

אָט אַזוֹי אָט אַזוֹי

נאָט מֶען חתונה גֶאהַנְגֶען פֵיין נָאךְ דעם ראַמאַן

אוּנ אַליעבֶע מוּז זַיין.

ענדע פֿון דרי מאגנצען בײדע פאַרהאַנג פאַלט

ענדע דעם דריטען אקט

# פירטער אקט

(שטעלט פאר חנהלעס ארעם ציממער אויף איין אלט צו בראכען טישעל ליגט אבריעוועלע) .

**חנה** ניטא קיינער אדא אפנים וואהנען זייא ; גאר ניט מיאוס ליידיגע פיזר וועגט. אטישיל אבענקיל . אשעהנער תכלית גיוואהרין פון אזא עשירות איינינע מאנאטה נאך זייער חתונה האבען זייא שוין פיעל איינגעבראכט אין דער ווירטשאפט. דאס הויז האט מען צו גינומען פאר שולדין . דאס מעבעל פארקויפט . אונ חנהלע קיהלט זיך אלין גיט. איהר שטרענגאר פאהרט ארום אויף דער וועלט שארלאטאנעווען, אונ זיא פארקויפט פון זיך דאס לעצטע קלייד אונ שיקט איהם צו אויף הוצאות . נייןו יעצט פאהר איך שוין גיט אוועק פון דאנען ביז עס וועט שוין נעמען איין עק. (ער דערזעהט אבריף) האו אבריף ? אוודאי פון איהר פראנצין . — (ער ליינט) יוא חלעבין ו חחח אדאס איז אשטרינגאר ער האט אפילו אויף קיין פאפיר ניהאט האט ער גינומען אשפיטע קארטע פון דעם האטעל אונ האט אויף דעם אן גישריבין אבריף , וואס דא טהוט זיך . אוים גימישט פאעזיא מיט זויערע אטערקעם ווינער שניצעל מיט ליעבעס ערקלעהרונגען אונ זיא ליינט עס אוודאי אונ מיעט אן דער פון. נארישע חנהלע ו מיר וועלין זעהן איך וועל פריווען רעדין מיט איהר , אפשר האט ער זיא שוין אנגעלערינט אהא זיא גייט .

חנהלע קומט אהן

**א** סאלאמאןו וואס טהוט איהר דא ? אגאנס;

**שלמה** וויא געהט עס דיר הנהלע ?

**חנה** וויא זאל עס מיר געהן איך האב מיך ניט צו באקלאגן . גאטט זייא דאנק .

**שלמה** נאך יעצט ווילסטו מיך נארען הנהלע ! מיין ניט אז איך ווייס פון גאר ניט . איך ווייס אלעס וואס דא געהט פאהר , איך ווייס וויא דוא לעבסט . איך ווייס וויא ער האט דיך אויסגעבראכט , איך ווייס אז דיין פאטער איז פאר צרות געשטארבן . איך ווייס וויא שלעכט דיר איז אז דוא האסט ניט מיט וואס אטאג איבער צו לעבן . איך ווייס אז דיין פראכט פאהרט ארום שארלאטאנעווען , אונ דוא פארקויפסט פון דיר דאס לעצטע קלייד אונ שיקסט איהם ארויס איך ווייס וויא אונגליקליך דוא ביזט יעצט בין איך געקומען דיך ראטעווען .

**הנהלע** וויא הייסט ראטעווען ?

**שלמה** פריהער האסטו ניט געוואלט הערין אז מיר האבן דיר פראפעצייהט אז דער סוף וועט אזוי זיין . יעצט דאכט מיר איז שוין צייט זאלסט זעהן וויא שלעכט אונ טרויריג עס גייט דיר דער צווייטער טייל פון דעם ראמאן אונ זאלסט זעהן וויא גיך ס'זאל נעהמען איין עק !

**הנהלע** וואס מיינט איהר מיט דעם ?

**שלמה** איך מיין אפ ראטעווען דיין עהרע דיין לעבען פון דעם שטרייגער כל זמן ס'איז נאך צייט .

**הנהלע** דער וויל איז ער מיין מאן . דארפט איהר איהם ניט באליידיגען אויב איהר זענט מיר ווירקליך א גוטער פריינד .

**שלמה** האב רחמנות אויף דיר הנהלע !

**חנה** אויב איהר ווילט אזוי גוט זיין וועל איך אייך עפעס בעטען איהר זאלט מיר צו ליב טוהן . מיין מאן דארף באלד אנקומען פון נאלאש ווינטש איך ניט איהר זאלט זיין דערביי .

**שלמה** אדיע! אויפס ווידער זעהען (אב)

**חנה** שלמה איז פיין דאס איז אמת – נאר —

**הונגערמאן** (פאלט אריין) נאך ניט גיקומען מיין ברידער! מיר האבן ערהאלטען אבריף אז ער דארף היינט קומען!

**חנה** איך האב אויך ערהאלטען אדעפעשע אז היינט ביי נאכט קומט ער.

**הונגערמאן** אזוי? מיר לעצטען צאג דארף מען געהן אויפן באהן איהר נעהמט ניט?

**חנה** ניין איך מה איהם דא אין דער היים ערווארטען.

**הונגערמאן** אבער אבאקשיש וועל איך האבן אז איך וועל איהם אייך ברענגען! (אב).

**חנה** לאמיר זעהן אבט דער זיינער. ער איז מחויב באלד אן צו קומען. אלעבעדיגער יונג. נאך צו פיעל לעבעדיג. פון דער התונה אן זעה איך איהם זעלטען אין דער היים. נאר ער מאכט רייזען. נאר מן הכתם ווייסט ער – ענדליך האב איך ערהאלטען פון איהם אבריף אז ער קומט, נאר איך פערשטעה איהם ניט. ס'איז עפעס אוים נימישטט פראכט יודיש מיט טיעף דייטש נאר מיט גרויס מיה האב איך פארשטאנען אז ער דארף נייטיג געלד. האב איך איהם צו גישיקט. ער איז נעבעך גיוועהן פארשולדיגט אין האטעל איבערין קאפ און האט ניט גיהאט מיט וואס אהיים צו קומען אזוי דאכט מיר שטעהט אין בריף. אנוא לאמיך נאך אמאהל לייענען. (זיא נעממט דעם בריף). עפעס איז ער האלב גידריקט. האלב גישריבין, האלב יודיש, האלב דייטש. נאר מן הכתם איז דיא מאדע אזויא. (זיא לייענט) מיינע טייערע שפייזע קארטע האטעל צוקער! קאראלינא, דוא וועסט מיר געווים ענטשולדיגען וואס איך האב אין נאלאץ קיין גוטע נישעפטין גימאכט. דיא צייט איז זעהר שלעכט קאלטע אייזין סערדינען קאווייאר האלבע פארציאנען זאכצג סאנטין. [(…]

ייד) אפגעלעבטע צייט. (זיא ליינט ווייטער) איך גיה ארום דיא גאנצע טעג אונ גיפין גאר ניט ברויט כוטש באליאן — דורך דיא נעכט קען איך ניט שלאפין. אונ טראכט נאר פון דיר גיבראטענע אינדיטשקע מיט שפינאט. וויא גליקליך וואלט איך גיוועזין ווען איך זאל זיין לעבין דיר ראסבראטין מיט צוויבעל — מיינע גידאנקין שוועבען ארום אין סערדינען פאס אין זויערע גורקין אבציג סאנטין. אבער איך מוז אהיים קומען נאר ס'פעהלט מיר אבער גידעמפטע געהירען מיט מאקאראנען גאנצע פארציאנען — געלד. איך בין וועהר פיי שולדיג, בעט איך דיך מיינע טייערע אמלעט מיט קאנפעטאר מיר מיט דער ערשטער פאסט דיא סומע צו שיקען כדי איך זאל קאנען בעדינטע ליבט צימער צאהל אהיים קומען צו זאגען הונגערט אונ צוואנציג דיין ליעבענדער פראנץ ערנאלטען מארקוס צוקער. נוא דארף איך ניט פארקויפין אפילו דאס לעצטע העמד אונ איהם צו שיקען, אונ איך האב מאקי אזוי גיטוען חאטשי ער האט ניט אזוי דיא ווערטה, וויל באלד נאך דער חתונה האט ער איך גיהערט צו רעדין דייטש. גלייך וויא ער האט נאר קיינמאהל ניט גיקענט. אהא מיר דארפט ער נעהמט.

**הונגערמאן** אט האט איהר איהם.

**קבצנזאהן** קעטצעלע!

**חנהלע** קאטעריל! (זיא צו קישען זיך)

**קבצנזאהן** וואס הערט זיך עפעס דא אין שטעטיל?

**חנה** איך וויים או דוא פאהרסט אוועק קומט מיין פיס ניט ארויס אויף דער נאס אונ איך בענג אזוי נאך דיר. וועקסט שוין מעהר ניט אוועק פאהרען קאטעריל.

**קבצנזאהן** ניין קעצעלע. נא פון מיך ארויס איך דארף געהן וועהן וואס מיין חברה מהוט.

**חנה** קוק אהן ביזט העלטט גישלאגען פון זונג אונ לויפט שוין אוועק

מיר דאכט איך האב מיר פארדינט ביי דיר אז דוא זאלסט זיך
אביסיל פים מיר אונטערהאלטען. דיא וועסט ניט פארשפעטיגען.
דיר דיך אויף דוא ביזט דאך ערשט פון דעם טעג אונ מארגען
קענסטו דיך זעהן מיט וועמין דוא ווילסט:

**הבצנואהן** נייז קעצעלע איך מוז געהן גישעפט זאגען, האסטו ניט עפעס געלד?

**חנה** אט זעה וויא דיין קאראלינא איז דיר גיטרייא איך האב גיזוכט א
דוא וועסט קומען יעצט דארפין געלד. האב איך פארקויפט דאס
זיידען קלייד. האלב האב איך דיר צו גישיקט אויף התצאות אונ האב
נאך אפ גישפארט עטליכע פארעס זעהשע איך גיב זייא דיר נאר געה
ניט אוועק.

**פראנץ** א קעצעלע איך האב דאך מיט דיר אויס גינומען אז דוא זאלסט
מיר ניט אנטגעגען רעדין איך מוז אוועק געהן.

**חנה** גא דיר געלד. נאר זאלסט זיך ניט זאמען (פראנץ אב) וואס זאל איך
טוען מיט איהם איך האב איהם פארט ליעב תאטשי איך האב פון
איהם גרויסע צרות. (שלמה קומט אהן).

**שלמה** גא חנהלע!

**חנה** וואס נא וואס ווילט איהר?

**שלמה** נא האסט זיך נאך ניט איבער צייגט וויא אומגליקליך דוא ביזט.

**חנה** ווילט איהר מיך גליקליך מאכען? וואס הייסט ביא איך אומגליקליך?

**שלמה** דוא מאכסט זיך ניט פארשטייענדיג.

**חנה** הערט שלמה זאל איך מיט אייך אפען רעדין. טהוט איהר מיר
א גרויסע רעה וואס איהר קומט אהער, ביי מיר אין דיא אויגען זעה
איך מיך ניט אומגליקליך. ביי אייך אין דיא אויגען זאגט איהר יא!
פערוושע בעט אייך איהר זאלט מיך אויפקלערין?

**שלמה** פארשטייט זיך או דער ווארעם ליגט אין חריין. מיינט ער אז מאן

קיין זיסעדם ניטא. איך בין פראקטישער פון דיר דוא מהוטם נאך קינדעריש דוא ווייסט נאך ניט וואס הייסט פריינר — שאפט ערגעבענהייט מענטשהייט. (מען הערט אונטער דיא קאליסען פראנצען זינגען) אהא אט געהט דיין מוזיק אויפס ווידערזעהן (אב)·

**פראנץ** (קימט ארייך זינגענדיג) וואַרטוישע וואַרטוישע בריד̈ער זארעס קעצעלע פא אט גע̈ה איך ברענגען פרישע פארעס קעצעלע פא גע̈ך נעם מיך ארום און גיב מיר א קיש.

**חנה** ויעה איז מיר וואס איז דאס? קוק דיך אהן.

**פראנץ** וואס?! איך געפעל דיר ניט! זעה נאר דיא שווארצע וואנצעלעך.

**חנה** וועה איז מיר וויא ביזטו געוועהן. פראנץ דערמאן זיך וויא דוא ביזט.

**פראנץ** הא הא וואס רופסטו מיך פראנץ, רוף מיך קבצנזאהן. וואס מיר פראנץ דוא ניסט געלד איך מאך דיר דעם טויט?

**חנה** וועה איז מיין לעבען. (זיא וויינט).

**פראנץ** ויעה איז מיין לעבען אז איך האב גידארפט אן קומען צו אזא שלעכטע זיא זאל קיין רחמנות האבען אויף מיר. דוא גיסט געלד?

**חנה** וועמען זאגסטו דאס דיין קאראלינא?

**פראנץ** וואס מיר קאראלינא חנה מאקארצנא הייסטו.

**חנה** גאטט שטארקער ואס איז דאס?

**פראנץ** דאס איז דער צווייטער טייל פון ראמאן האבט גיוואלט אראמאן האסטו דיר אראמאן גהארט איך וועל דיר גיבען!

**חנה** לייג דיך צו אביסיל רוה דיך אוים מאך ניט קיין שאנדע.

**פראנץ** וואס מיך באליידיגען! דוא וויילסט מיט וועמען דוא רעדסט?

**חנה** קוק אהן ווער עס שטייט פאר דיר.

**פראנץ** הא ! ווער ביזטו, ניין דאס איז געשט מיין מארגאליע ניין ! (ער זינגט) גיבוישע מיר אין וואנצעלע אקיש קעצעלע קעצעלע פא אז ניט האפסטו אין קאפ אריין דעם טיש קעצעלע פא גיבוישע פארעס אונ שפיל קיין ראליע. ווארין אט געה איך ברענגען מיין מארגאלע קעצעלע פא (אב).

**חנה** וועה איז מיר וואס פון איהם איז געווארין. וואס הייבט מען אן צו טוען ?

**שלמה** (קומט אריין) חנהלעי נא וואס זאגסטו אצונד. איך שטעה אונטער דיא טיער אונ הער אלעס צו. גא האסט זיך אלס ניט צו באקלאגין ? נאך ניט צייט זאלסט רחמנות האבין, ווארף איהם אוועק, גט דיך מיט איהם זויא לאנג ס'איז נאך מעגליך, איידער דוא ווערסט פארגיפטעט. אונ קום צו מיר צו דיין געטרייען פריינד, וואס וועט וויסען וויא דיך צו שעטצען ! דוא שווייגסט ? דוא ענטפערסט ניט. חנהלע ! יעצט האסטו נאך צייט, ענטשליס דיך אונ זאג מיר, דוא געהסט מיט מיר. קום לאמיר אוועק פון דאנען, ווארין ער וועט זיין דיין מלאך המות ! חנהלע דיא צייט שטעהט ניט, דוא געהסט צו ניין ? וועה ס'זאל דיר ניט באנק טוען ווארין איך געה יעצט אוועק וועסטו מיך שוין קיין מאהל ניט זעהן דאס לעצטע מאהל זאג איך דיר חנהלע, קום אנטלויף אין דער וועלט. דוא קענסט נאך לעבין. נא נאך איינמאהל זאג איך דיר חנהלע דוא געהסט צו ניין. אדיע ! דוא אונגליקליכע, (אב).

**חנה** אך ! סאלאמאן ! (זיא וויל נאך לויפין סאלאמאנען קומט איהר פראנץ מיט הונגערמאנען מיט צווייא וועשין מעדליך אנטגעגען).

**פראנץ** וואס טהוסטו דא בייא מיר אין שטיב ? ווער ביזטו בייא מיר ? א דאס איז מיין ווירטין געוועזן (ער ווייזט אויף מארגאלע) אונ זיא וועט זיין מיינע דיך וויל איך ניט קענען. האסט געוואלט אשווארץ וואנצעלע. (ער רייסט אראפ דאס וואנצעלע אונ גיט איהר) נא דיר אשווארץ וואנצעלע. נא וואס שטייסטו נאך דא וואס פארשטערסטו

מיר מַיין שמחה ! הונגערמאן וַוארף זִיא אַרויס דִיא נבלה פון סיין שְׁפּוּב .

**הונגערמאן** (גייט צו אידר) אמצוה אויף דיר ! האסטו גיזאָלְט קִיט מיר תתנה האָבְּין . אַצוּנְד נֶעם דִיר דָעם דרך . (זייא ווארפין זיא ארויס פון שטוב זיא ווינט. קבצנזאהן הונגערמאן ביידע וועשין מיידליך מאנצין אקאדריל) .

פארהאנג פאלט

# פערוואנדלונג

(שטעלט פאר אהייליג ארט — רעכטס אויף אבערגיל זעהט מען אסך מצבות שטעהן צוויש ן ביימער — אונטער דעם בערגיל פליעסט אוואסער — לינקס וויא דער טויער פון הייליגען ארט מיט אפארקען — נעבען טויער שטעהט דאס שטיבעל פון דעם קברות יוד — אגרעבער שטעהט האלב אין דער ערד — גראבט אקבר — און זינגט זיך צו

1.

**גרעבער** טִיעף אוּנ קַאלְט אִיז דֶער קבר
דֶער מלאך שְׁטֶעהְט דָא מִיט זַיין שְׁוֶוערְד
וְויא צִיטֶערִין דַארְף אִיטְלִיכֶעס אבר
אַז מֶען דַארְף דָא לִיגֶען אִין דֶער עֶרְד .

2.

פַארְשְׁמַאכְט זֶענֶען דָא דִיא לִיפֶּען
דֶער צִינְג זִיךְ מֶעהְר נִיט רִיהְרֶען

גם מעג ביים הערצין דא ציפען
גיפינט מען קיין ביסעלע ספירט

3.

אין דעם טויטין האב איך אנקמה
ער האט קיין מאהל פון אטרינק ניט גיטראכט.
ער וואלט שוין גיוואלט יעצט דערקוויקין זיין נשמה
נעה טרינק אז דער פיסק איז פארמאכט.

4.

וואס ער איז קיין מאל געקומען אין שענק.
אונ האט ניט פערזיכט קיין ביסעלע דאס
דערפאר טרינקט ער ביי מיר היינט קרענק
אונ פערבייסט מיט דער שטיינערנער צאם.

(ער ווארפט אוועק דיא לאפעטע)

פע אביטערע פרנסה נאדער אזא מלאכה האנדלין מיט בלאטע פנימער וואס מען קען מיט זייא קיין ווארט ניט רעדין. אונ קיין לחיים טרינקין. ווען דער איינער מת זאל מיך ניט אונטערהאלטין האלט איך פאר מרה שחורה משוגה גיווארין. אז איהר ווילט קען איך איהם אייך ווייזין, נאר טאמיר האט איינער פחד וועל איך אייך געבין אסגולה מיט אלע כחות זאל ער זיך אנשטרענגען אונ יעצט אן קוקין מיין מת וועט ער זיך שוין מעהר אויף זיין לעבען ניט שרעקין אט שלעפ איך איהם שוין, ער איז דא! (ער שלעפט ארויס אפלעשיל) האט איך האב נאך אקליין מתילי. דאס שלעפ איך ארויס פון דעם קבר ער שלעפט ארויס אקעלישיקיל פון דער קעשענע. דיא טייערער מת מצוה קיין מאהל וועל איך דיר ניט זאגין עליו השלום. אייביג וועל איך דיך האלטין געבען מיר דורך דיר

האב איך דעם ליכטיגען גן עדן אויף דער וועלט. (ער טרינקט) לחיים צום לעבין. נאך אסך לחיים'ס קען מיר חלילה זיין צום טוידט. (מען הערט טריט) הא! ווער געהט דאס דארטין אזויא שפעהט? אמת? קום אהער איך וועל דיך באגראבין. הא! מיר דאכט חנה ר' יצחק'ס טאכטער יוא; חנה! וואס טהוסטו דא?

**חנה** קימט אריין אין אוויים קלייד — בלאס — דיא האר צופלאסין טרויריג לענט איהר מיר ניט ווייזין וויא מיין טאטינ'ס קבר איז?

**גרעבער** אוי אוי נאך וויא אזויא. נאר אומזיסט געהט ניט. וועט ארוים אויף אטרינק וועל איך דיר באלד זאגין!

**חנה** קיין געלד האב איך ניט נאר דאס איינציגע איז מיר גיבליבין פון מיין גאנץ פארמעגין (זיא ווייזט איהם אקליין פינגעריל) דאס קאן איך איך געבין.

**גרעבער** אקידושין פינגעריל אויך אסחורה איך וועל מקדש זיין דעם שענקער וועל איך האבין אגוטע חתונה. אט געה איך שוין אונ דוא געה ארויף אויף דעם בערגיל גלייך מיט דער סטעצקי נעבען טייך דער בייא שטעהט אמצבה דארט ליגט דיין טאטע ניין איילין אין דער ערד אונ איין איל פון מיר וועט זיין צעהן איילין. נאר גיב אכטינג זאלסט ניט אריין פאלין אין וואסער (אב).

**חנה** אומגליקליך! אומגליקליך! יעצט בין איך שוין פארפאלין. ניין דאס קען איך שוין מעהר ניט דערטראגין. וואס איך האב אויס גיליטין פון דיר פראנץ. ליידין. מאנגעל. זידלען. שימפפען. באליידיגין אלעם האב איך צו גינומען אונ פארטראגין. גישפילט אין קארטין. אויסגיבראכט דאס גאנצע געלד. גישיכרט. אבער דאס ווארפין נאך מיט מיר. מיך ארוים טרייבין אונ אריין ברענגין איין אנדערע. פארבייטין מיך אויף איין אנדערע! ניין! דאס קען איך שוין מער ניט אויס האלטין. סאלאמאן! גיטרייער סאלאמאן דיר האב איך אזא גיזאגט בעסטער פריינד קומסט מיר אזוי? פאטער! גיטרייער פאטער!

דיך האב איך אויך ניט געוואלט פאלגען אונ האב דיך געטריבען יונג אין דער ערד. איך האב דיר פארביטערט דיין לעבען אונ דיר געקירצט דיינע יאהרען. קומט עס מיר טאקי אזוי. פערצייהע מיר ליבער פאטער! איך זעה וויא עס איז מיר גוט באצאהלט געווארין. איין עק! איך האב שוין דא ניט וואס צו טוען איך דארף געהן אהיים! — אהיים? וויא האב איך דען אהיים אז איך בין אזויא עלענד וויא א שטיין. יוא דא איז מיין היים. (זינגט)

זיא איז דא דיא היים, וויא הין אלע מענשען קומען.

פון זייער לעבענס רייזע ווען זייא ווערען מיד —.

איך געה אהין פון נאגען איך בין געקומען.

נעהם וועלט פון מיר דאס לעצטע אבשיעדס ליעד —.

(דער הימעל פארוואלקינט זיך מען הערט דינערין אונ בליטצען)

**חנה** (זינגט) אה נאטור, געטרייע מוטער! — ווען דער גלענדער פון יעדען

ווערט פערשטויסען אין זכים געבליך זיין רוה

דיא איינציגע ביסטו, וואס דוא עמפפאנגסט איהם אין פריידין

אונ אין דיין קאלטען שויס געהמסטו איהם נארעם צו —

נאך דינערט שטארקער אונ בליצט — חנה געהט ארויף אויף אבערגיל, איף וועלכען עס שטעהט אמצבה זיא פאלט אויף דיא קניע אונ זינגט)

געטרייער פאטער מיינער, צערטליכער אונ ליעבער:

פערטריבען האב איך דיך פון מיר (זיא הייבט זיך אויף)

איהר גרינגע חוואליעס! שיפט מיך גיכער איבער

נארם, פאטער, נארט איך קום אויך באלד צו דיר...

(זיא האפט זיך אויף לויפט אוועק צום טייך — לינקס פערוויקעלט מיט אישהארצין מאנטיל קומט אן שלמה ער טראגט איין לאמטערנע אין דער האנד) .

שלמה — ארא דאכט מיר דארף זיא זיין — אהער האב איך זיא געזעהן דאכט מיר , לויפען — שלעכט — אגיעפעהרליך ארט פאר איהר !

חנה — (פון ווייטען) ארייע כאלאמאן ! (מען הערט אפליעסק אין וואסער)

שלמה (ערשראקען) וועה איז מיר הנהלע ! (ער ווארפט אראפ פון זיך שנעל דיא מאנטיל — שטעלט אניעדער דאס לאמטערנגדיל און לויפט ארויס אין דיא זייט , וויא ער האט דערהערט דאס קול — . לינקס פון דעם שטיעבעל פון דעם קברות . יודען לויפען ארויס — אסך יודען און דיא קאפאטים — ווייבער יונגלעך — מיט ליכט און לאמטערנעס אין דיא הענד — שטעלין זיך אוים נעבען דעם טייכיל . קוקין אריין — (זינגען) ,

זעהט איין אומגליק פון דער העלער הויט
וויא אמענשען איז באשערט דער טויט .
וויא קומט זיא אהער ?

(זייא טהאטן מיט דיא פינגער רעכטס)

דער קען זיא ווער ווער ?

אר אוי ארחמנות ! זיא איז דערטרינקען געווארין .

אין דעם מאמענט — פאהרט דורך אין טייכעל אשיפעל — שלמה האלט איהר אינגע הענד דיא דערטרינקענע חנהלן — קוקט אויף איהר און וויינט) — .

ТЕАТРЪ
00790 — 6-FEB.191
Н.С. ЛИПОВСКА